STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04661

MENDL NIDERBERG

Permanent preservation of this book was made possible
by Eugene & Elaine Driker
in honor of
their children & grandchildren

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מענדל נידערבערג

(זיין לעבן און טעטיקייט)

ארויסגעגעבן צום ערשטן יאָרצייט

נאָך מענדל נידערבערגן

פון דער

וולאַדימיר וואָלינסקער פּראָגרעסיווער יוגנט

אונטער דער רעדאַקציע פון

מ. ראָזענפעלד

סעפּטעמבער 4, 1936

ניו־יאָרק



מענדל נידערבערג

אפריל 15, 1883 — סעפּטעמבער 4, 1935

מיר, „די וולאַדימיר וואָלינסקער פראָגרע־סיווע יוגנט" פילן זיך שטאָלץ, וואָס אויף אונדזער גורל איז אויסגעפאַלן צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אונדזער פאַרשטאָרבענעם פריינט און חבר מענדל.. אויב דאָ און דאָרט איז אַריין אין דעם מאַטעריאַל אַן אומפּינקט־לעכקייט, איז דאָס נישט אונדזער שולד. מיר פון אונדזער זייט האָבן געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונג, נישט געשפּאָרט קיין מי און קיין געלד צו זאַמלען יעדן עפּיזאָד, יעדע קלייני־קייט, וואָס האָט אַ שייכות צום פאַרשטאָרבע־נעם, ווייל מיר שאַצן אָפּ זיין אַרבעט פאַר דער אויפהאַלטונג און אַנטוויקלונג פון אונדזער אָרגאַניזאַציע... מיט דעם בוך ווילן מיר אָפּ־צאָלן כאָטש אַ טייל פון דעם חוב, וואָס אונ־דזערע לאַנדסלייט בכלל און אונדזער אָרגאַני־זאַציע בפרט זענען אים שולדיק. מיר זאָגן צו פאָרזעצן די אַרבעט פון אונדזער אָרגאַני־זאַציע אין גייסט פון פאַרשטאָרבענעם.

ערע זיין אָנדענק!

מ. ראָזענפעלד

מענדל נידערבערג

ביאָגראַפישע נאָטיצן*)

די סביבה

נעבוירן געוואָרן אין אָנהייב פון די אכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. ווי עס איז אָנגעגעבן אין זיינע ערשטע בירגער־פּאַפּירן איז ער געבוירן געוואָרן דעם 15טן אַפּריל, יאָר 1883, אין לודמיר, וואָלינער גובערניע.

זיין פאָטער הרן־בער איז געווען אַ הייסער קאָצקער חסיד, אַ נאָכפאָלגער פון דעם אַלטן ר׳ מענדעלע קאָצקער, וועמענס נאָמען מענדל האָט געטראָגן. ר׳ הרן־בער האָט געהאַט אַ שאַרפן מוח. ער איז געזעסן אַלע זיינע יאָרן על התורה ועל עבודה, שטענדיק אין שטאָט־בית־המדרש, דאָרט געגעסן און געשלאָפן, איז ער נאָר איינמאָל אין וואָך, פרייטיק צו נאַכט, אַהיים געקומען צום בני בית.

---

*) מיר ווילן דאָ דערקלערן, אַז די אַלע דאַטעס, וואָס ווערן דאָ אָנגעגעבן זיינען נישט קיין פעסט־באַשטימטע. אַלע אונדזערע באַמיאונגען אויסצוגעפינען ביי מענדל נידערבערגס נאָענטע קרובים און פריינט, סיי דאָ, סיי אין זיין געבורט־שטעטל, גענויע אינפאָרמאַציע, וואָס האָט אונדז אינטערעסירט, איז אונדז נישט תמיד געלונגען. אין עטלעכע פאַלן מוזן מיר זיך דעריבער באַנוגענען מיט די אַמבעסטע צוגעפּאַסטע השערות.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער גאַנצער יאָך פון חיונה איז געפאַלן אויף זיין ווייב דינה־רייזל. זי איז געווען אַ פרומע אידענע, וואָס האָט געהאָפט צו קריגן אַ חלק גן־עדן פאַר דעם מאַנס מעשים טובים. געפירט האָט זי אַ קראָם פון אַלטוואַרג און דערפון האָט מען זיך ווי עס איז בצמצום דערנערט. אַ חוץ איר אַרבעט אין קראָם און האָדעווען קינדער האָט זי נאָך געמוזט זיין אַ מורה און מדריך. זען אַז די קינדער זאָלן גיין אין גאָטס וועגן, זאָלן באַגערן צו לערנען א. ז. וו. און עס איז גאָר קיין חידוש נישט, וואָס אונדזער העלד מענדלען, וואָס האָט געהאַט אַן אומרואיקע נאַטור און אַ שטאַרקן כאַראַקטער, זענען שטאַרק נישט געפעלן געוואָרן די פירונגען פון הויז. און ביי דער ערשטער געלעגנהייט איז ער אַנטלאָפן פון דער היים. אַזוי באַגעגענען מיר אים ווינטער, אינגאַנצן 8־9 יאָר אַלט, נאָך אַ ברוגז מיט זיין מאַמען, אויפן וועג קיין אוסטילע (אוסטילוג). אַ לודמירער בעל־עגלה האָט אים אויפגענומען אויפן וועג און געבראַכט קיין אוסטילע אין אַן אכסניה, פריייטיק צו ליכט־בענטשן. ערשט שבת נאַכט האָט מען געלאָזט וויסן קיין לודמיר און מ׳איז אים געקומען אָפנעמען. אַט אַזעלכע אַנטלויפעניש האָבן זיך איבערגעחזרט אין משך פון זיין פריער קינדהייט שיינע עטלעכע מאָל. צוליב זיינע אָפטע אַנטלויפענישן און צוליב נאָך אַ סך שטיפערייען, איז זיין נאָמען פאַרצויגן געוואָרן אויף „מענדעלע“. דאָס האָט געזאָלט הייסן מענדעלע דער ווייסער חברהניק.

נישט געקוקט אויף דעם איז מענדל פונדעסטוועגן געוואַקסן אַ גאַנץ וואוילער בחור. אמת, קיין צו גרויסן חשק צום לערנען האָט ער נישט אַרויסבאַוויזן דערפאַר האָט ער אָבער געהאַט אַ שאַרף קעפל, אַז די גאַנצע שטאָט האָט מיט אים געשמט.

צו פופצן־זעכצן יאָר נעמט אים דער פאָטער מיט קיין פילעוו, צום רבין, און איז מיט אים דאָרטן אָפּ 12 וואָכן. אַהיים קומענדיק הייבט אונדזער בחור אָן ביסלעכווייז אַראָפּצואוואַרפן פון זיך דעם עול מלכות שמים, ווייל מער נישט לערנען, פאַרגעסט אַמאָל צו

דאווענען, קליידט זיך אַ ביסל אַנדערש, און איבערהויפּט היטבט ער זיך אָן צו חברן נישט מיט זיין גלייכן, מיט אינגלעך פונם „המון": שניידעריונגען, שוסטעריונגען וכו'. שווער צו זאָגן צי דאָס זיין ביים רבין האָט אויף אים געהאַט אַ פאַרקערטע ווירקונג, אָדער צי ס'איז גלאַט געווען אַ סימפּטאָם פון דער צייט. סיי ווי, אין אונדזער מענדלען קומט פאָר אַ איבערבראָך. פון אַ פרום אינגל ווערט אַ פרייער מענטש און עס הייבט אים אָן צו ציען אין דער ווייטער וועלט אַריין.

דער ערשטער אַרויספאָר

ארום יענער צייט, אין יאָר 1900, פאָרט ער אוועק קיין גלאַז־גאָוו, ענגלאַנד; איז ער געפאָרן זוכן גליק אָדער בילדונג? ניכער פון אַלץ האָט ער זיך געוואָלט אַרויסרייסן פון דער פרום־פאַרפעס־טעטער סביבה פונם קליינעם שטעטל. ווייזט אויס, אַז קיין גרויסן דערפאָלג האָט ער דאָרט נישט געהאַט, ווייל אין זיבן חדשים אַרום קומט ער צוריק.

אינגיכן האָט ער חתונה מיט אַ מיידל, זיין איצטיקע פרוי, וואָס ער האָט נאָך פון פריער געליבט. דערווייל יאָגט זיך אָן די צייט פונם פריזיוו און נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט געהאַט אַ חסרון (אַ פאַרבויגענעם פינגער אויף אַ פוס), נעמט מען אים צו פאַר אַ סאָלדאַט און מ'שיקט אים אוועק קיין סמאָלענסק. ער בלייבט אָבער דאָרט נישט לאַנג. אין עטלעכע חדשים ארום בראַקירט מען אים אויס און מ'באַפרייט אים. ער קומט צוריק אַהיים און נאָכדעם ווי ער איז אָפּ אַ שטיקל צייט, פאָרט ער אוועק קיין אָדעס. די נסיעה קיין אָדעס איז נאָך אַ גרעסערער דורכפאַל ווי זיין נסיעה קיין ענ־גלאַנד. ווי אַזוי ס'איז אים געגאַנגען אין אָדעס קען דינען דער פאָלגענדיקער עפּיזאָד:

אַזוי ווי צו יענער צייט האָבן זיך געפינען נאָך עטלעכע ליד־

מירער יונגעליים אין אָדעס און אזוי ווי וואָס צו טאָן איז נישט גע־
ווען, פלעגן זיי גאַנצע טעג שפּילן פידל און זינגען. געלעבט האָט
מען אויפן חשבון פון איינעם פון דער גרופע, א פאַרמעגלעכן, ווע־
מען ס'איז, ווייזט אויס, געפעלן די פריילעכע קאָמפּאַניע. ווען ער
איז אָבער מיד געוואָרן זיי צו פינאַנסירן, זיינען זיי געבליבן אָן מיט־
לען. איז מענדל געפאַלן אויף א פּלאַן: „אזוי ווי מיר האָבן אָן
איינענע קאַפּעליע, לאָמיר זיך אַרויסלאָזן איבער די הויפן"... פון
דעם פּלאַן איז אָבער גאָרנישט געוואָרן און נאָכדעם ווי ער פלאַנט
זיך גוט אָן קומט ער צוריק אהיים.

דערווייל רוקן זיך אָן די רעוואָלוציאָנערע יאָרן און מענדל
וואַרפט זיך אריין מיט ברען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.
ער טרעט אריין אין דער פּאַרטיי ס. ס. און הייבט אָן אָרגאַניזירן די
שטעטלדיקע אַרבעטער. ער רופט אַרויס א סטרייק ביי די טאַנדעט־
ניקעס, ביי די סטעלמאַכעס, אָרדנט איין פאַרזאַמלונגען, דיסקוסיעס,
ווערט געשיקט ווי א דעלעגאַט פון דעם שטאָט־קאָמיטעט צום ראיאָ־
נעם צוזאַמענפאָר אין ראָוונע. מיט איין וואָרט, מענדל האָט זיך
אַליין געפונען.

אין יענער צייט איז פאָרגעקומען א פאַל, וואָס האָט בולט אַרויס־
געבראַכט זיין איבערגעגעבנקייט צו דער אַרבעטער באַוועגונג. אין
שטעטל האָט געוואוינט א גביר, אַן איינגעטימער פון א גרויסן מאַנו־
פאַקטור־געשעפט, ישראל איסר ציילינגאָלד. האָט מען אים באַגנבעט,
און מ'האָט חושד געווען, אַז מענדל איז אין דעם פאַרמישט. ס'איז
שווער צו דערקלערן פאַרוואָס ס'איז גראָד געפאַלן דער חשד אויף
אים. זאָל עס זיין דערפאַר, ווייל אין דעם צוריקגעשטאַנענעם שטעטל
האָט מען זיך נאָך נישט געהאַט פאַנאַנדערגעקליבן צווישן רעוואָלו־
ציע און באַנדיטסטווע? אָדער אפשר דערפאַר, ווייל געוויסע רעוואָ־
לוציאָנערע גרופעס האָבן צו יענער צייט דורכגעפירט עקספּראָפּרי־
אַציעס אין פאַרשידענע טיילן פון לאַנד? סיי ווי, מ'האָט מענדלען
אַרעסטירט. לאַנג איז ער אָבער אונטער אַרעסט נישט געווען. דער

פאַרוואַלטער און לערער־פּערסאָנאַל פון דער אָרגאַניזאַציע „קולטורא“
לודמיר, 1908 (מענדל גידערבערג זיצט דער ערשטער רעכטס)

באגנבעטער האט געקראגן א שטרענגע ווארנונג פונם פארטיי־קאמיטעט, אז מענדל זאל גלייך באפרייט ווערן... מיט א טאג שפעטער האט מענדל גערופן דעם אויבנדערמאנטן בעל־הבית צו א דין־תורה פאר באליידיקונג. אויך דאס איז נישט צו פארשטיין. ווי קומט א רעוואלוציאנער צו א דין־תורה? ס'איז אבער א פאקט, אז דער פראצעס איז פארגעקומען פאר די צוויי שטאט־דיינים. די פארהאנדלונגען האבן זיך פארצויגן עטלעכע טעג און ס'האט געהאלטן דערביי ער זאל באפרידיקט ווערן פאר דער באליידיקונג מיט א סומע געלד. דערווייל האט אויסגעבראכן א סטרייק פון די פריקאשטשיקעס ביי דעם זעלבן בעל־הבית. איז מענדל באשטאנען אויף דעם, אז אלס פארגיטיקונג פאר זיין באליידיקונג זאל ער צוריק אנשטעלן זיינע ארבעטער און נאכגעבן זייערע פאדערונגען. אביסל אונטערן דרוק פון דעם ראבינאט און, נאכמער, אונטערן דרוק פונם פארטיי־קאמיטעט, איז דער בעל־הבית דארויף איינגעגאנגען. אזוי האלט אן זיין רעוואלוציאנערע טעטיקייט ביזן דורכפאל פון דער ערשטער רוסישער רעוואלוציע. מיטן אנקומען פון דער רעאקציע פארלירט ער דעם באדן אונטער די פיס, און מורא־האבנדיק מען זאל אים נישט ארעסטירן, באשליסט ער צו פארן קיין אמעריקע.

אנגעקומען איז ער אין לאנד אין סאמע קריזיס־יאר פון 1907. דאס לאנד ניי, די שפראך פרעמד, די פירונגען נישט צום הארצן, פלאגט ער זיך דא אפ א יאר און פארט צוריק אהיים. ער נעמט זיך צו מסחר און אין דער זעלבער צייט געפינט ער פאר זיך אן אנדער ווינקל פאר געזעלשאפטלעכער טעטיקייט. ער פארנעמט זיך מיט פראגן פון קולטור. ער העלפט גרינדן א אידישע וועלטלעכע שול אין לודמיר און איז אליין איינער פון די פארוואלטער. ארדנט איין לעקציעס, ליטערארישע אוונטן. אזוי ווי אבער די רעאקציע אין רוסלאנד ווערט אלץ שטארקער, די קוואלן פון חיונה פאר די אידן אין רוסלאנד ווערן וואס ווייטער אלץ מער אויסגעטריקנט, פלאגט זיך אונדזער מענדל מיט כל ישראל. ווארפט ער זיך פון איין אונ־

טערנעמונג צו דער צווייטער. אַט האַנדלט ער מיט קעראָסין און אַט עפנט ער מיט נאָך צוויי שותפים אַ פאָטאָגראַפיע פון מיניאַטורנע בילדער, ביז ער באַשליסט ענדלעך נאָכאַמאָל צו פאָרן קיין אַמעריקע.

אַמעריקע

אין יאָר 1913 קומט מענדל נאָכאַמאָל קיין אַמעריקע. דאָ הייבט זיך אָן פאַר אים נאָכאַמאָל דאָסזעלבע. ער קען זיך נישט צופּאַסן צום היגן לעבן. ער איז נישט צופרידן. אַזוי ווי עס ברעכט אָבער באַלד אויס די וועלט־מלחמה, קען ער שוין צוריק נישט פאָרן. ער בלייבט אָבער נישט אין ניו־יאָרק. ער לאָזט זיך אַרויס איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון די פאַריייניקטע שטאַטן, וואוינט אַ שטיק צייט אין דעטרויט און אין טאָלידאָ, שפּאַרט אַזש אָן אין קאַליפאָרניע. אַרומפאָרנדיק האַנדלט ער מיט זעק, מיט דזשאַנק (בראַכוואַרג) און וואַנדערט, מערסטנטייל אָן אַ ציל, אָן אַ צוועק, גלאַט אַזוי צו שטילן דעם וואַנדערלוסט. קומט ענדלעך אין יאָר 1919 צוריק קיין ניו־יאָרק. מיט איין יאָר שפּעטער קומט אויך זיין הויזגעזינד פון רוס־לאַנד און ער אָרדנט איין דאָ זיין היים.

תחילת ווערט ער אַ גראָסערימאַן (אַ שפּייז־הענדלער), נאָכדעם ווערט ער אַ בראָוקער ביי גראָסערי־סטאָרס (אַ מעקלער פון שפּייז־קראָמען). אַט אָ די פרנסה איז געווען די סיבה פון זיין גיכן סוף. דאָס שטענדיקע בויען לופט־שלעסער, דאָס וועלן צונויפפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט האָט פאַרצערט זייער אַ סך פון זיין ענערגיע. דאָס שטענדיקע אויפרעגן זיך האָט זייער שטאַרק אָפּגעשוואַכט זיין האַרץ, און דאָס האָט געשאַפן דעם באָדן פאַר דער אומקומענדיקער קאַטאַ־סטראָפע.

ער טרעט אַריין אין דער וולאַדימיר וואָלינסקער פּראָגרעסיווע יוגנט

אַריינגעקומען ווי אַ מיטגליד אין דער „פּראָגרעסיווער יוגנט“ איז ער דאָס צווייטע יאָר נאָכדעם ווי די אָרגאַניזאַציע איז געגרינדעט

געוואָרן, מיט 14 יאָר צוריק. תחילת האָט ער זיך געהאַלטן פון ווייטנס. ער האָט געקוקט אויף דער גרופּע ענטוזיאַסטן מיט זיין כאַראַקטעריסטישן גוטמוטיקן ביטול־שמייכעלע. איז געווען אין ראָל פון אַ באַאָבאַכטער, האָט זעלטן ווען געלאָזט פאַלן אַ וואָרט. די גרופּע־חברים, וואָס האָבן אים געקענט פון לודמיר און וואָס האָבן געלייגט אויף אים גרויסע האָפענונגען, זענען געווען אַנטוישט. אָבער ביסלעכווייז ווערט ער אַריינגעצויגן אין דער אַרבעט, איבערהויפּט אין זאַכן וואָס האָבן אַ שייכות מיט קולטור. ער העלפט מיט אין דער אַרבעט פון איינאָרדענען לעקציעס, ליטעראַרישע אָוונטן, דערביי איז ער נישט מקפּיד פון וועלכער ריכטונג דאָס זאָל נישט זיין. ער שטעלט דעם טראָפּ אויף דער קוואַליטעט.

ווי אַ כאַראַקטעריסטיק פון זיין באַציאונג צו קולטור קאָן דינען דער פאָלגנדיקער עפּיזאָד: צוריק מיט אַ פּאָר יאָר פאַלט אים איין מיר זאָלן אַרויסרופן אויף אַ ויכוח דעם לודמירן ברענטש פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן איבער דעם ענין „פּראָלעטאַרישע קולטור". אין אַ ויכוח ווי באַוואוסט דאַרף דאָך איין צד זאָגן, יאָ, און דער אַנדערער צד, ניין. האָט ער אַרויפגעצוואונגען אויף אונדזער אָרגאַניזאַציע אַ ניין, כדי יענע זאָלן קענען זאָגן יאָ, ווייל נישט דער פּסק־הלכה איז געווען ביי אים דער עיקר, נאָר דאָס לערנען. האָט פיינט געהאַט עם־הארצות בתחלית השנאה און האָט עס באַקעמפט, וואו נאָר ער האָט געקענט.

די לעצטע יאָרן האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פאַנטאַסטישן פּלאַן, וואָס וועט פריער אָדער שפּעטער מוזן פאַרווירקלעכט ווערן, אויב די פאַרשידענע לאַנדסמאַנשאַפט אָרגאַניזאַציעס וועלן נישט וועלן אונטערגיין. דער פּלאַן איז באַשטאַנען אין דעם, אַז אַלע וואָלינער לאַנדסמאַנשאַפטן זאָלן זיך צינויפגיס; אין איין גרויסן פראַטערנאַלן אָרדן. פאַר אַט דעם פּלאַן איז ער נישט מיד געוואָרן צו אַגיטירן ביי יעדן מעגלעכן צוזאַמענקום. אַט אַזוי איז ער ביסלעכווייז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַרבעט פון דער אָרגאַניזאַציע. איז געוואָרן איינער פון די הויפּט־פירער און

ווען אַ גרופּע חברים רייסן זיך אָפּ און גרינדן אַ ברענטש פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן, איז דאָס פאַר אים אַ גרויסער קלאַפּ. תחילת האָפט ער, אַז די נייע אָרגאַניזאַציע וועט זיך לאַנג נישט האַלטן. ווען ס׳ווערט אים אָבער קלאָר, אַז די נייע אָרגאַניזאַציע איז געקומען צו זיין, הייבט ער אָן זוכן פּלענער ווי אַזוי צו דערנעענטערן די צוויי קעגנערישע אָרגאַניזאַציעס. מ׳קען זאָגן, אַז ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן האָט ער נישט אויפגעהערט צו מאַכן פּלענער ווי אַזוי צוריק צו פאַראייניקן די צעשפּליטערטע כוחות פון די לודמירער לאַנדסלייט. ער העלפט אויך גרינדן דעם קאָמיטעט פאַר יתומים פאַרזאָרגונג אין לודמיר און באַטייליקט זיך אין דער שאַפונג פון די גרויסע סומעס געלט, וואָס זיינען איבערגעשיקט געוואָרן קיין לודמיר. ער איז אויך טעטיק אין דער אַרבעט פון די יערלעכע זשורנאַלן, וואָס די „וולאַדימיר וואָלינסקער פּראָגרעסיווע יוגנט" האָט אין די ערשטע יאָרן אַרויסגעגעבן. ער שרייבט אַ ריי געלונגענע לידער, וואָס זענען צעשפּרייט אין פאַרשידענע זשורנאַלן און צייטשריפטן.

מיט פינף יאָר צוריק דערפילט ער צום ערשטן מאָל, אַז עפּעס איז זיין געזונט-צושטאַנד נישט אין אָרדענונג. ער ווערט באַהאַנדלט פון דאָקטוירים, וואָס געפינען אויס אַז ער ליידט פון פאַרהאַרטעוועטע אָדערן אַרום האַרץ. ער באַקומט אַ וואָרנונג: זיין אָפּגעהיט, אַ סך רוען, נישט אויפרעגן זיך. אָבער דאָס וואָרט „אָפּגעהיט" איז נישטאָ אין זיין ווערטערבוך. באַלד ווי ס׳לאָזט נאָך, קערט ער זיך אום צו זיין טעגלעכער באַשעפטיקונג, גלייך ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געשען. ער זעצט אויך פאָר זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט און פאַרגעסט גאָר אין דער וואָרנונג, וואָס ער האָט געקראָגן. אַזוי האַלט עס אָן העכער פון צוויי יאָר.

פאַר ראש-השנה פון יאָר 1933 אָרגאַניזירט ער אַ גרופּע חברים מ׳זאָל פאָרן אָנקוקן דעם וואונדערלעכן ניאַגאַראַ וואַסערפאַל, אָבער אַ טאָג פאַרן פאָרן האָט ער געקראָגן אַן אַטאַקע אין מיטן גאַס. ער

קען שוין אַהיים נישט גיין. אַ חבר, וואָס האָט גראָד געוואוינט דערביי, נעמט אים אַריין צו זיך אין הויז. ליגנדיק דאָרטן אין די שרעקלעכסטע יסורים הערט ער נישט אויף צו מאַכן הכנות צו דער מאָרגנדיקער נסיעה.

נאָכדעם ווי ער איז עטלעכע וואָכן אָפּגעלעגן אין בעט פאָרט ער אַוועק אויף אַ לענגערער צייט זיך אָפּרוען, פריער אין סאַראַטאָגאַ ספּרינגס און שפּעטער אין די קעטסקיל בערג. קומענדיק צוריק היט ער זיך שוין אַ ביסל אָפּ, פאָלגט וואָס די דאָקטוירים הייסן אים טאָן, אָבער נישט אויף לאַנג. איינגיכן זעען מיר אים שוין ווידער אין סאַמע קאָך פון לעבן. א חוץ זיין טעגלעכער באַשעפטיקונג נעמט ער אַנטייל, ווי פריער, אין אַלע פראַגן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. און אין דער זעלבער צייט אינטערעסירט ער זיך מיט יעדן באַזונדער פון זיינע פריינט, און די צאָל פון זיי איז זייער אַ גרויסע. וואָס עס זאָל זיך ביי איינעם נישט טרעפן, ווייסט מען איין זאַך: מ׳דאַרף גיין צו מענדלען. און ער הערט יעדערן אויס, גיט איינעם א עצה, פאַר אַן אַנדערן האָט ער אַ טרייסט־וואָרט, אַ דריטן דערמוטיקט ער א. א. וו. אַזוי האַלט עס אָן ביז אווגוסט 1935.

דער טרויעריקער סוף

סוף אווגוסט 1935 ווערט ער נאָכאַמאָל קראַנק. פון די ערשטע פאָר טעג האָט מען שוין געקענט זען, אַז די לאַגע איז זייער אַן ערנסטע, אָבער ער אַליין האָט זיין קראַנקהייט גאָרנישט גענומען ערנסט.. פאַרקערט, ער האָט געגלויבט, אַז אין אַ פאָר טעג אַרום וועט ער קענען פאַרלאָזן דאָס בעט. אָבער וואָס ווייטער איז אים אַלץ געוואָרן ערגער און ערגער. זיין הויזגעזינד און זיינע נאָענטע פריינט זיינען נישט אָפּגעטראָטן פון זיין קראַנקן בעט. דעם 4טן סעפּטעמבער 1935, זעקס אַזייגער אינדערפרי, האָט ער אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם. אָט אַזוי האָט זיך געענדיקט דאָס אומרואיקע לעבן פון דעם אומרואיקן ליבן חבר מענדל.

מ. פערלמוטער

איך האָב מענדלען ניט געקאָנט . . .

ווען ס'וואָלט זיך געווענדט אָן מיין אייגענער איניציאַטיווע וואָלט איך וועגן מענדלען געשוויגן. און ניט, חלילה, דערפאַר, וואָס כ'האַלט עס פאַר אונטער מיין כבוד צו שרייבן וועגן מענדלען. אין קעגנטייל: ער איז ביי מיר פאַרעגיסטרירט צווישן די אויסדערוויילטע. דאָס איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן פון די רייד פון זיינע אינטימע חברים ביי דער ערשטער הזכרה־פאַרזאַמלונג.

און טאַקע דאָס לעצטע, דער פאַקט, וואָס כ'האָב זיך באַקאַנט מיט מענדלען פון דער צווייטער האַנט, איז די סיבה, פאַרוואָס איך וואָלט געשוויגן. מחמת, איך קאָן ניט זאָגן מיט אַ ריין געוויסן, אַז איך האָב מענדלען געקאָנט: ווען מירביידע האָבן דערגרייכט די רייפע יאָרן האָבן זיך אונדזערע וועגן ניט געקרייצט. ס'מזל האָט געוואָלט, אַז ערשט נאָכדעם, ווי ער האָט אונדז פאַרלאָזן, זאָל ער זיך פאַר מיר אַנטפּלעקן. פון די טרויער־רייד פון זיינע חברים איז פאַר מיר ארויסגעשוואומען דער צייטיק־געוואָרענער מענדל. און אַ גרויכע, אַ ליבע איבעראַשונג איז עס געווען פאַר מיר: איך האָב זיך באַקאַנט מיט אַ נייעם מענדלען.

מענדל איז רייף געוואָרן אויפן אַמעריקאַנער באָדן. שוין אַ קימא־לן פון באַלד דריי צענדליק יאָר, ווי מיר ביידע האָבן באַשטיגן די אַמעריקאַנער ברעגן, און ווי מאָדנע ס'זאָל ניט קלינגען, — מער, ווי אַ געציילטע פאַר מאָל איז מיר ניט אויסגעקומען מיט אים זיך צו באַגעגענען. און די באַגעגענישן — אַזעלכע פאַרביילויפיקע, רווי־

ביקע — האָבן ניט געלאָזן קיין גייסטיקן קאָנטאַקט. מיר האָבן זיך געמיטן.

אָבער אויך מענדלען דעם „יונגן", דעם לודמערן האָב איך קנאַפּ וואָס געקאָנט. אין דעם קליינעם לודמיר, וואו מענטשן „רייבן זיך עלנבויגנס" — אויך דאָרט האָבן מיר זיך געמיטן. איך קאָן זיך ניט דערמאָנען אָן עפּעס אַן אינטימען מאָמענט, וואָס זאָל אונדז האָבן צוגעפירט נאָענט איינס צום צווייטן. אין די קעמערלעך פון זכרון טויכן אויף באַגעגענישן, קאָנטאַקטן, אָבער אַלץ אַזעלכע אויבנאויפיקע, שוימיקע...

ניט זיין שולד און אויך ניט מיין. אַזוי האָט מזל געוואָלט. דער עבר אָבער האָט די טענדענץ זיך איינצוהילן אין ראָמאַנטישע שלייערן. ווי שווער, אָפּטמאָל, אָנגעזאַפּט מיט אַנגסטן, די פאַרשוואונענע יאָרן זאָלן ניט האָבן געווען, איז עס פאָרט אוממעגלעך פאַרן מענטשן זיך צו באַפרייען פון יענעם כישוף, פון יענעם מיסטישן רייץ, וואָס הויערט איבער דעם פילם-ליילעך, ווען מיר קוקן אויף צוריק...

און אויך דאָס ביסעלע, דער טראָפּן, צווישן מיר און מענדלען, טראָגט זיך פאַרפירעריש מיט אַלע זיינע „חן-גריבעלעך" איבער יענעם, אין סודות-געהילטן, ליילעך...

דערציילן דאָס דאָזיקע ביסעלע, ווי אומבאַדייטנדיק ס'זאָל ניט זיין, מיינט, דעריבער, פאַר מיר, זיך לאָזן אויף אַ נסיעה איבער די געדעכענישן-טייכן צו מיין אייגענער יוגנט און נאָך ווייטער: צו מיין קינדהייט.

דער ערשטער אָנזאָג וועגן מענדלען דעם „איקאָנאָקלאַסט" האָט זיך צו מיר דערטראָגן, נאָך איידער מיין עלטער האָט דערגרייכט דעם ערשטן צענדליק. בין דאַן אַלט געווען אַ יאָר אַכט. שוין באַזוכט די עלעמענטאַרע קלאַסן פון דער לודמירער „אוטשילישטשע". די שול-חברים, באַזונדערס מענדלס שפּעטערדיקער שוואָגער, הערש-לייב

מאלץ, האָבן „פון דער העלער הויט" גענומען אונטערזינגען מאָדנע, פאר מיר, אויסטערליש־קלינגענדיקע, אידישע לידלעך. יעדן טאָג מיטגעבראַכט נייע, פריש־געבאַקענע. די דאָזיקע לידלעך האָבן גע־רייצט מיין נייגעריקייט, מיך אינטריגירט. ס'האָט געוויזעט פון זיי מיט פרעמד־גערוך. מיט ווייט־שטאָט און ווייט־לאַנד. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט און דערגאַנגען, אז אויף „רילאָוויץ", אין אריינפאָר־הויז פון הערש־לייבס עלטערן, שפילט חברה־אמאַטאָרן אידיש טע־אַטער. (מיט יאָרן שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אז יענע ליד־לעך זיינען גענומען געוואָרן פון גאָלדפאדן־רעפּערטואַר. צי איז עס געווען די „ירושה" פון עפּעס אן ארומוואַנדערנדיקער טרופּע, צי אריבערגעבראַכט פון אן אַנדער שטאָט ווייס איך עד היום ניט), — און ווער איז דער „מאַכער" דער טאָן־געבער, דער לייטנדיקער גייסט פון דער אוואַנטורע? — מענדל!

איך האָב נאָך דאַמאָלס, דוכט מיר, מענדלען פּערזענלעך ניט געקאָנט. בין נאָך צו יונג געווען. אויסער דעם בין איך צוליב דאַ־מאָלדיקע טראַדיציאָנעלע שטאַנד־מחיצות ווייניק געקומען אין באַ־ריר מיט יענעם טייל פון דער יוגנט, וואָס איז אין לודמיר באַטראַכט געוואָרן פאַרן ניט־סטאַטעטשנעם... וואָס האָט געקאָנט זיין טריפה'נער און אומאַנשטענדיקער, ווי אַקטיאָרן, „קאָמעדיאַנטשיקעס" און זייער־ערע שקאָצעוואַטע לידלעך פאַר יענעם לודמיר? האָב איך טאַקע מענדלען פּערזענלעך ניט געקאָנט, אָבער מיין באַקאַנטשאַפט מיט אים איז שוין געווען געשלאָסן: די פאַרשטעלונג וועגן אים האָט זיך שוין ביי מיר לעבעדיק געצייכנט און געמאַניעט... ער איז מער ניט גע־ווען איינער פון אַלע, האָט זיך בולט ארויסגעטיילט פון דער לוד־מירער סטאַגנירטער סביבה, — געשראָקן און געלאָקט...

און שוין דאַמאָלס, אויף וויפל דער זכרון דינט מיר, איז שוין מענדלס נאָמען געוואָרן אַ שם דבר. ער הייסט שוין מער ניט מענדל, נאָר מענדעלע. ריכטיקער: מענדעלע הרן־בערס, נאָכן טאַטן נאָך. לודמיר האָט אים פאַרצויגן אויף „מענדעלע", ניט צוליב

צוואַנציק

צערטלעכע טעמים. ס'האָט געמיינט: מענדעלע דער וואוילער יונג, דער הפקר־מענטש. מענדעלע איז געוואָרן דער סימבאָל פונם היוצא־לתרבות־רעהניק. דאָס באַלעבאַטישע, פיליסטערישע לודמיר האָט זיך אַ נעם געטאָן פאַרהיטן די יוגנט פון דער מענדעלע־סכנה. אַלע, פון אייביק־אויספּרובירטע, מיטלען זיינען אַוועק אין גאַנג קעגן דער קראַמאָלע. און ווי תמיד האָבן די דאָזיקע מיטלען דערגרייכט דעם הפך: יונגוואַרג האָט דוקא געצויגן צום פאַרבאָטענעם, און מענדעלעס מלוכה וואַקסט ווי אויף הייוון...

יונגע יאָרן שווינדן. לעבן האָט שוין באַוויזן אַריינצוקוועטשן אַ היבש ביסל זיסע און נאָך מער ביטערע טראָפּנס אין מיין קליינעם בעכערל. האָב שוין פאַרזוכט ווארשע. שוין אויך צוריקגעקומען און ניט מיט ליידיקן: וועלט און מענטש האָבן דורכגעמאַכט אַ טראַנספאָרמאַציע אין מיין יונג וועזן. בין שוין אָפּגעגאַנגען אַ היפּשן מהלך. 1905 האָט שוין באַוויזן אויפצומאָנען זיינע צינזן אויך פון מיר...

און אויך לודמיר האָט גענומען צאָלן זיינע צינזן. די, אין תוך, אומשולדיקע, ניט מער, ווי השכלה־אידייען, וואָס דער „מענדעליזם" האָט רעפּרעזענטירט, האָבן ביסלעכוויז גענומען אָפּטרעטן, מאַכן פּלאַץ פאַר די מער אַגרעסיווע, שטורמישע אידייען פון דעם דאמאלס זיך ראַש־פאַרשפּרייטנדיקן סאָציאַליזם. שטאָט, שטעטל און דאָרף זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן, און אויך לודמיר האָט עס ניט געמיטן.

איך געפין מענדלען אָן שפּיץ פון דער יונגער לודמירער אַרבעטער־באַוועגונג. די העגעמאָניע געהערט דער פּאַרטיי ס. ס. אָנגעפאָרענע פּאַרטיי־פּראָפעסיאָנאַלן. קאָנספּיראַציעס. וואַרשטאַטן פאַרשטרייקן. לודמיר גייט אויף רעדלעך. און מענדל — אין סאַמע צענטער. אַרום אים פאַרקניפּן זיך אַלע געהיימע פעדים.

אין די אָוונטן רודערט זיך ווי אין אַ בינשטאָק אין אַריינפאָרהויז, אויף „רילאָוויץ", וואו מענדל, שוין אַ פאַרהייראַטער, וואוינט איצט. ס'גריבלט און שוויבלט מיט יונגוואַרג. מחיצות צווישן

שטאַנד און קאַסטע — פאַרווישט. בחורים און מיידלעך פון „העכסטן" יחוס מישן זיך מיט באַלמעלאָכעס. נגידישע יונגעלייט און „אַרי־סטאָקראַטישע פריילינס" שלייכן זיך בגנבה איבער די שאָטנדיקע לודמירער גאַסן צו „רילאָוויץ" צו. דאָס מיסטעריעזע אריינפאָר־הויז ציט, ווי אַ מאַגנעט. אין די האַלב־באַלויכטענע חדרים פלאַטערן פלאַ־מיקע וכוחים, טראָגן זיך רעוואָלוציאָנערע לידער, וועבן זיך ראָ־מאַנען . . .

און מענדל אין צענטער.

זיינע רייד זיינען געציילטע, אָפּגעהאַקטע. אַן אַנגעשפּיצטער, געהילט אין קאָנספּיראַציעס, שפּאַנט ער פון איין צימער אין צווייטן, שושקעט זיך מיט דעם, מיט יענעם, רעדט אויפן וואונק . . .

אזוי אויך אין דרויסן: אַ פאַרמוחטער, אין סודות־פאַרוויקלטער, טראָגט ער זיך מיטן טראַציקן טשוב האָר פאַראויס, איבער די לוד־מירער זאַוואולקעס, שטעלט זיך אָפּ אויף אַ וויל מיט אַ באַקאַנטן, ווינקט זיך איבער מיט אַ צווייטן און טראָגט זיך ווייטער אויף זיין געהיימער שליחות . . .

און אזוי אויך אויף קאָנספּיראַטיווע פאַרזאַמלונגען: ס'רעפע־רירט דער ס. ס.־טעאָרעטיקער, דער פון לאָדזש־צוריקגעקומענער, לוד־מירער „זיידענער" יונגערמאַנטשיק. מענדל, דער אָרגאַניזאַטאָר, דער פּראַקטיקער — אין הינטערגרונט, די מאַכט הינטערן טראָן: איין שבת איז דער אומלעגאַלער מיטינג ביי אַ גויאישקער וועשערן הינטערן שטאָט, אַ צווייטן שבת — ביי אַ סטאָליארסקן וואַרשטאַט, אַ דריטן, — אין וועלדל.

מענדל — דער פעלדמאַרשאַל.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָ רייסט זיך דער פאָדעם איבער. דאָס טראַפּעלע מענדל־דערינערונג פאַרבליבט, פאַרגייט . . .

ערשט ביים פאַראַיאָריקן ערשטן הזכרה־אָוונט האָט זיך מענדל פאַר מיר אַנטפּלעקט. דער עכטער מענדל.

נ. ב. מינקאָוו

מענדל נידערבערג

ביי אונדזער ערשטער באַגעגעניש איז צווישן מענדלען און מיר געשלאָסן געוואָרן, שטומערהייט, אונדזער טיפע חברשאַפט, גלייך דאָס וואָלט געווען פון פריער באַשערט. געשען איז דאָס אַ שבת בייטאָג, פרילינג פון יאָר 1919, אין הויז פון זיינע קרובים.

גלייך ווי מיר האָבן זיך דערלאַנגט די הענט בין איך געווען איבעראַשט פון אַ מאָדנעם קאָנטראַסט, וואָס כ'האָב אין מענדלען דערזען. דער הילוך, דער פעסטער געבוי און דאָס פאַרהאַרטעוועטע געזיכט פון אַ מגושמדיקן בעל־עגלה איז געווען אַ שרייענדיקער קעגנזאַץ צו זיין פּראָווינציעל־קינסטלערישן קאָפּ, אַקטיאָריש־פאַרקעמטע האָר אַלאַ מענדעלסאָן־באַרטאָלדי, אויסערגעוויינלעכע קלוגע און מילדע אויגן, פאַרצויגן מיט טרויער, און דעם גוטמוטיקן, טיף־באַדויערנדיקן שמייכל.

צו יענער צייט האָט ער געפּעדלט מיט זעק, ער פלעגט אַרומפאָרן אין זיין אָפּגענעם אווטאָמאָביל איבער שטעטלעך און, מערסטנס, פאַרמס, אויפקויפן זעק, זיי ברענגען אין ניו־יאָרק און פאַרקויפן אין גלייכן געלט. די דאָזיקע אַרבעט האָט אים געצוואונגען צו טראָגן גראָבע כאַקי־העמדער און בעל־עגלהשע קליידער. די ווינטן, פרעסט און שנייען, זון און רעגן, בעת זיין אַרומפאָרן איבער פרייע וועגן דורך פעלדער און וועלדער, האָבן, ווי איך האָב שפּעטער פאַרשטאַ־

נען, אינגאנצן געביטן דאס פריער אײדעלע אויסזען פון זיין פנים.
עפּעס רויעס, ווי פון לעדער, איז געווען אין דעם אינדיאנער־קופּער־
נעם קאליר פון זיין דעמלט־געקארבט געזיכט.

אין קעגנזאץ איז זיין אופן רעדן געווען א פארכאפנדיקער. א
זעלטענער דערציילער, פלעגט ער שפּינען זיינע רייכע דערינערונגען
אין זיין זאפטיקן, מעלאדישן וואלינער אידיש. דאך איז זיין דער־
ציילן אפילו געווען אויך אזוי סתירהדיק ווי זיין אויסזען: פאלקס־
טימלעך און באהעמיש; דירעקט און ראמאנטיש; דעטאליזירט און
רמזימדיק; זיינע ברוטאל־אויפריכטיקע דערינערונגען וועגן משונהדיק־
סטע ווילדע געשעענישן פלעגט ער באגלייטן מיט א הארציקן טרוי־
עריקן געלעכטער, וואס האט אויסגעדריקט טיפן רחמנות איבערן אומ־
זין און איבער דער אומבאהאלפענער באגרענעצקייט פון דער ציוויר־
ליזירטער חיה.

די סתירות צווישן זיין גראבן הילוך און שיינעם קאפּ, צווישן
זיין פארהארטעוועט קופּער־רויט פנים און זיינע טיף־פארשטייענדי־
קע, מילדע אויגן און שמייכל זיינען פאר מיר שנעל פארשוואונדן.
פארברענגענדיק מיט אים טעג און נעכט, וואוינענדיק מיט אים צו־
זאמען א געוויסע צייט, זיינען פאר מיר טאקע פארווישט געווארן די
פריערדיקע סתירות, נאר נייע, טיפערע, טראגישע האבן זיך אנט־
פּלעקט.

איך האב דעמלט ניט געוווּסט פארשטאנען, אז זיין זעק־מסחר איז
בלויז געווען אן אויסרייד, א זעלבסטנארעריי. מיר איז זיכער דעמלט
גארניט איינגעפאלן, און אפשר אים אויך ניט, אז אונדזער איבער־
געגעבענע, קיינמאל ניט פארוואלקנטע פריינטשאפט, האט אין אים
געשטילט זיין מאטערנדיקע וואנדערלוסט, אמת, בלויז אויף א קור־
צער צייט. די סיבה פון דער האזיקער צייטווייליקער בארואיקונג
איז ניט געלעגן אזוי אין אונדזער פריינטשאפט גופא, ווי אין דעם
פאקט, אז ער האט געהאט מיט וועמען ארומצובראדיען איבערן ריזיקן
ניו־יארק, פארקערן אין נייע געזעלשאפטן, לעבן אין אן אנדערער

סביבה, וואָס האָט אים צוריק געבראַכט צו זיין נאַטירלעכן געמיט. זיינע זעק־מסחרים און די מגושמדיקע מלבושים זיינען פאַרשוואונדן. אין משך פון עטלעכע וואָכן האָט זיך זיין געזיכט אויסגעאיידלט און די אויסערלעכע סתירה איז פאַרשוואונדן.

לאַנג אָבער איינזיצן אין ניו־יאָרק האָט ער ניט געקאָנט. מיר דערמאָנט זיך אַן עפּיזאָד, וואָס האָט פאַר מיר קלאָר געמאַכט מענדלען, די וואַגאַבונדישע נאַטור, דאָס ווען אַלעמאָל אַנטלויפן פון זיך. נאָך זיין אָפּזיין עטלעכע חדשים אין ניו־יאָרק האָט ער אַלע נאָענטע חברים אָנגעשטעקט מיט אַזאַ אומרואיקייט און מיט אַזאַ לוסט צו זען דעם שטאַט ניו־יאָרק, אַז אין איין שיינעם זונטיק פאַרטאָג האָבן מיר זאַלבאַפערט זיך געטראָגן אין מענדלס אווטאָמאָביל איבערן באָסטאָן פּאָסט־ראוד. א חוץ מענדלען און מיין ווייניקייט זיינען מיט אונדז מיטגעפאָרן אונדזערע חברים איזי דובינסקי און פרומע האַלפּערן.

דער פאַרטאָג איז געווען אַ לינדער. די לופט ריין, אָפּגעפרישט פון אַן אומגעהויער גרויסן שטורעם, וואָס האָט געבושעוועט אַ נאַכט פריער און אויסגעוואָרצלט ריזיקע ביימער איבער די וועגן אַרום ניו־יאָרק. פאַר מענדלען איז דאָס געווען אַ גליק. ער האָט גאָר אָפּגעלעבט. ער האָט זיך געפרייט ווי א קינד. ער איז געווען איבערגליקלעך, וואָס ער מוז זיך שלענגלען איבער פאַרשידענע פאַרדרייטע און סודותדיקע, אים אומבאַקאַנטע אומוועגן, ווייט פון דעם הויפּטוועג. א דערוואַקסן קינד, פאַרגאַפט, גערירט, האַלט ער אין איין אָנווייזן אויף די פּרעכטיקע און זעלטענע לאַנדשאַפטן און ווינקלען, מיט וואָס דער שטאַט ניו־יאָרק איז אַזוי רייך. ביז מיר האָבן אָנגעשפּאַרט אין אָלבאַני, וואו מיר האָבן גענוזט איבערנעכטיקן, איז שוין מענדל געווען גאָר אַן אַנדערער, ווי ער האָט אונדז אויסגעזען אין ניו־יאָרק. א פריידיקער, א זאָרגלאָזער, א באַגייסטערטער פון יעדער קלייניקייט, איז ער געווען אַ קוואַל פון לעבנסלוסט, אָבער אויך פון מילדער טרויעריקער שטימונג. זיין שטילער גאַנג האָט געלאַשטשעט. זיינע מעשות האָבן באַרויקט.

אין דעם אידישן קליינעם האָטעל, וואו מיר זיינען פאָרפאָרן, האָבן מיר אויסגעפּועלט אַ באַקוועם צימער פאַר פּרומע האַלפּערן. אונדז, די דריי מאַנספּאַרשוינען, איז אויסגעקומען צו שלאָפן אין אַ זייער דושנעם צימער. די היץ איז געווען ניט איבערצוטראָגן, ספּעציעל איז עס געפאַלן שווער דובינסקין, וואָס האָט זיך געהאַט נאַרוואָס אומגעקערט פון דער מלחמה אַן אָנגעגריפּענער פון גיפט־גאַז. נאָך לאַנגע מאַטערנישן און אונדזער אַריינטענהן האָט זיך דו־בינסקי פאַרט אומגעקערט קאַיאַר קיין ניו־יאָרק. מענדל איז געווען אי־בעראַשט. „סטייטש“, האָט ער געהאַלטן אין איין טענהן, „נאָכדעם ווי ער האָט זיך שוין אָפּגעמאַטערט אַ גאַנצע נאַכט, פאַרוואָרפן גאָר אַ מעגלעכקייט צו פאַרברענגען אין סאַראַטאָגאַ ספּרינגס אַ גאַנצע וואָך אויף דער פרייער נאַטור. האָסטו געהערט אַזוינס? נאַטור! נאַטור! היינט דאָס אַרומשלעפּן זיך אַרום די געגנטן פון סאַראַטאָגאַ! זיין אַ פרייער פויגל!“ פאַר מענדלען איז דער אינצידענט געווען אומפאַרשטענדלעך. דער וואַגאַבונד מענדל, דער אומרואיקער, דער אין דער נאַטור פאַרליבטער, האָט עס ניט געקאָנט סובל זיין.

אין סאַראַטאָגאַ ספּרינגס האָב איך אַנטדעקט, אַז מענדל איז באמת אַ דיכטער, וואָס האָט קיינמאָל ניט געפונען קיין אויסדרוק. און דערפאַר די צערודערטקייט, דערפאַר די איבערגאַנגען פון מרה־שחורה צו פריידיקייט, דערפאַר דער ליידנשאַפטלעכער אַרומפאָרער. דאָס איינציקע, וואָס האָט געהאַט אויף אים די גרעסטע ווירקונג איז געווען אילוזיע: נאַטור און לייענען.

עס איז געווען טראַגיש צוצוזען ווי אַזוי מענדל האָט געמוזט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שפּייז־קרעמער און ווערן צוגעבונדן צו איין אָרט. זיין הויזגעזינד האָט באַדאַרפט איינגיכן אָנקומען פון אייראָ־פּע, וואו די מלחמה האָט עס פאַרהאַלטן.

וועגנדיק פוטער, פאַרקויפנדיק זעמל, סאָרטירנדיק אייער, האָט ער שטיל געליטן, געטרוימט וועגן די פרייע וועגן און שיינע פּייזאַשן. און ווען די איינגעזעסנקייט און קליין־מעשׂימדיקייט פּלעגן אים

זעקס און צוואַנציק

שוין דערגיין ביז צום ביין, פלעגט ער כאפן זיין אווטאמאביל און געלם ווערן.

דער וואגאבונד אין אים האט שטענדיק געבענקט נאך יענע ערטער, וואס פלעגן אין אים אויפגיין און פארגיין. דאס זיינען געווען יענע ערטער, וואס ער האט געקענט און וואס ער פלעגט שטענדיק פארלאזן, ווען אומרו פלעגט אים מאטערן. אזוי פלעגט ער וואנדערן פון ארט צו ארט, שטענדיק אומקערנדיק זיך צו זיינע פארלאזענע חברים און שטענדיק בענקענדיק נאך דעם, וואס איז געווען ווייט פון זיין ווירקלעכקייט.

אין ווינטער פון יאר 1920-1919 איז מיר אויסגעקומען צו וואוינען מיט אים אין איין צימער, ביי זיין לאנדסמאן און דעמלטיקן שותף, פיניע שטיינבערגן. אין נאענטן צוזאמענוואוינען מיט אים האב איך ערשט דערזען פאר זיך איינעם פון די דינסטע און איידלסטע מענטשן, וואס איך האב ווען געטראפן. זיין חברשאפט איז געווען פון יענער הייליקער איבערגעבנקייט און זארגעוודיקייט, וואס מען קאן אנטרעפן נאר אין שונד־ראמאנען.

אין יענעם ווינטער האט זיך די טראגעדיע מענדל פאר מיר בולט פאנאנדערגעוויקלט. אין מיין שפעטערדיקן וואנדער־לעבן האב איך זיך אנגעטראפן אויף זייער א סך אזעלכע טראגעדיעס. דאס זיינען געווען פאלקסמענטשן, אין וועמען עס האבן געדרעמלט וואונדערבארע שאפערישע כוחות, אבער קיין אויסדרוק פאר זיי האבן זיי, צוליב פארשידענע טעמים, ניט געקאנט געפינען. מערסטן איז דאס געווען די שולד פון יענע אומגליקלעכע קליינשטעטלדיקע סאציאל־עקאנאמישע סיבות, וואס האבן איינגעהאמעוועט די ברוויזנדיקע כוחות פון גאנצע שיכטן טאלענטירטע יונגעלייט. און ווען זייער באוואוסטזיין, מיט יארן שפעטער, האט זיך אויסגעקריסטאליזירט און ווען זיי האבן שוין געגוי געאנט, וואו עס ליגן זייערע נייגונגען, זיינען זיי שוין געווען געשמידט אין קייטן פון א לעבן, וואס איז געווען לחלוטין פרעמד זייער גייסט, א לעבן א צעריסענעם און אן אומגעהויער שווערן.

זיבן און צוואנציק

אין מענדלען איז דער דאַזיקער ריס צווישן זיינע דערשטיקטע כוחות און זיין אומרואיק, צעשפּליטערט לעבן געווען טיפער דערמיט, וואָס ער איז געשטאַנען מיט קעפּ העכער איבער זיין סביבה, פון וועלכער ער האָט קיינמאָל זיך ניט געקאָנט באַפרייען.

אין דער נאַטור אַ דיכטער, פול מיט ניט דערפולטע טרוימען און זענזוכטן, פול מיט ליבע פאַר קינסטלערישע ווערטן, מיט אַ הויכער פאַרשטייעניש און אויסערגעוויינלעך בריטן בליק, איז אים אויסגעקומען, אין די לעצטע יאָרן, צו זיין שטענדיק געפּענטעט מיט זיינע מעקלער־געשעפטן פון קויפן און פאַרקויפן קראָמען. ארומגערינגלט שטענדיק מיט חברים, האָבן זיי אים אויסערגעוויינלעך ליב געהאַט, געשעצט זיינע אומגעהויערע פייאיקייטן, זיין אינטעליגענץ, זיין אָפענע האַנט און זיין איבערגעגעבענע פריינטשאַפט. דאָך האָט ער געלעבט צווישן זיי אַ ניט־פאַרשטאַנענער, אַ טיף־איינזאַמער.

פאַר זיינע דיכטערישע פאַרטראַכטונגען און דורשטן האָט ער קיין אויסדרוק ניט געפונען. איז אים אויסגעקומען זיך אויסצולעבן אין זיין וואַגאַבונדישקייט, אין אוואַנטוריזם, שטענדיק אַ שטרעבנדיקער, אַ זוכנדיקער, מיט אַ שאַרפן חוש פאַרן שיינעם און יושרדיקן; שטענדיק אין קאַמף קעגן דאָגמעס, צוואַנג, אויטאָריטעטן; שטענדיק אַ ניט־געשטילטער, אַן אומרואיקער. און געפעלן האָט אים אין זיין שווערן לעבן צאַרטקייט און דערפולונג. דאָס מערקווירדיקסטע דערביי איז געווען זיין דרויסנדיקע רואיקייט, געזעצטקייט און זאַכלעכער מאַניר.

אַן אויסוועג פאַר זיך האָט דער דאָזיקער ראָמאַנטישער וואַנדערער און בונטאַר טאַקע קיינמאָל ניט געפונען, ער פלעגט זיך פאַרטומלען מיט געוואַגטע און שווער־דורכפירבאַרע געשעפטן, מיט אויסערגעוויינלעכע חברישע אַקטן, מיט דאָן־קיכאָטישע פריינטשאַפטן. און די איינציקע באַרואיקונג איז געווען דאָס פּלוצימדיקע אַנטרינען פון אַלץ. אין אַזעלכע רגעס פלעגט צו מיר אין הויז אַריינפאַלן אַ שטילער, אַ מידער, צעפּייניקטער וואַנדערער.

אַכט און צוואַנציק

די שעהן מיט אים זיינען געווען געלייטערטע און דערהויבענע, וואָרן דער מאמין אין אים, דער עכטער שטומער ליריקער פלעגט נאָר דאַרפן צונויפנעמען זיינע פאַלווירענע פעדים, כדי צו קומען צו זיין ליכטיק געמיט. אַ וואונדערבאַרער דערציילער, אַ פּרעכטיקער קאָנווערזאַנט, זיינען זיינע לאַנגע צווישן־שוויגן און זעלטענע רמזים געווען אמתע קינסטלערישע אַקטן.

עס איז בוכשטעבלעך ניט געווען קיין זאַך, וואָס ער באַרירט ניט אין זיינע געשפּרעכן. מער פון אַלץ אינטערעסירן אים סאָציאַלע פּראָבלעמען און ליטעראַטור. אין די צוויי געביטן ווייזט ער אַרויס גראָדן שכל און גוטן געשמאַק. יעדע גערעכטע זאַך, וואָס האָט נאָר געטראָגן אין זיך אַ העכערע שטרעבונג, איז אים געווען טייער. אַזוי האָט ער זייער פיל מיטגעהאָלפן אין דער עקזיסטענץ פון די אַקאַדעמישע קורסן, וואָס מיר איז אויסגעקומען עטלעכע יאָר צו פירן, און נאָכמער האָט זיך זיין אינטערעס אויסגעשפּראָכן ביים גרינדן די פערטל־יאָר שריפט „באָדן". ער איז געווען צווישן דער גאָר קליינער צאָל, וואָס פלעגט האַלטן אין איין טענהן, אַז עס מוז געגרינדט ווערן אַ זשורנאַל פאַר דעם הייפעלע אינטעלעגענטע לייענער, וואָס קאָנען זיך ניט באַפרידיקן מיט אויבנאויפיקע שוין־פּיקסירטע און אָפיציעל־אַנערקענטע ווערטן. ער איז געווען פון די הויפּט־מונטערער. און אַ דאַנק זיינע פּלענער האָט מען זיך גענומען צוגרייטן צו דער דערשיינונג פון דער שריפט. און ווען ער איז פאַטאַל קראַנק געוואָרן מיט דריי יאָר צוריק, האָט ער, דר. יצחק נחמנין, דעם איינציקן דאָקטער, וועמען ער האָט פולשטענדיק געטרויט און געגלויבט אין אים ווי אין אַ גאָט, טאַקע צוגעזאָגט אויסצופירן אַלע זיינע פאָדערונגען. ער האָט זיך אָבער געטרייסט, וואָס אים איז דערלויבט אָנצוגיין מיט זיינע טעטיקייטן און וואָס ער וועט קאָנען אויפטאָן וואונדער פאַר דער שריפט. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז ביז זיין לעצטן טאָג געבליבן מערסטנטייל אַ וואונטש.

אַ דאַנק אַ צופאַל איז ער געצוואונגען געווען אָנצושרייבן עט־

ניין און צוואנציק

לעבּע לידער. די לאַנדסמאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציע, צו װעלכער ער איז געשטאַנען, האָט אָנגעהױבן אַרױסצוגעבן יערלעכע זשורנאַלן. א טייל פון זײ זײנען געװען, אפשר צוליב מענדלס אײנפלוס, זײער װױכטיקע. אונטערן דרוק אָנצושרײבן עפּעס פאַר די זשורנאַלן, איז אים אַמגרינגסטן געװען אימפּראָװיזירן עטלעכע לידער. די דאָזיקע אױף־שנעל אָנגעשריבענע לידער װײזן אַרױס אַ מעגלעכן פּראַקטיצירנדיקן דיכטער. עס איז צום באַדױערן, װאָס צופאַלן האָבן אים ניט באַװירקט אין זײנע יונגע יאָרן און געצװאונגען אים צו פאַרנעמען זיך מיט דער פען. עס װאָלט אָן צװײפל, אין משך פון יאָרן, זיך אױסגערײפט אַן אײגנאַרטיקער און װיכטיקער אידישער דיכטער.

אין די עטלעכע לידער, װאָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין די זשורנאַלן „דער לודמירער“, איז פאַראַן געמיט, שטימונג, פײנער חוש פאַר ריטם. אפילו דער סוד פון צמצום האָט אים ניט געפעלט. װען ער װאָלט אָנגעהױבן מיט אַזעלכע לידער אין דער פריער יוגנט און װאָלט אַנטװיקלט זײנע אײגנשאַפטן װאָלט ער זיכער דערגרײכט גאָר װיכטיקע רעזולטאַטן. די פּאָעטישע סענטענץ־מעסיקײט פילט מען גאַנץ אָפט אין זײנע שורות:

> „דײן שטימע — דונער, ציטער, געבעט,
> דײן גאַנג — שפּרײזן פון אַ יונגן גאָט.“

(ניו־יאָרק)

> „בין אָדלער, װאָס אין הימל גרײכט,
> א נביא, װאָס קאָן מאָסן ציגדן,
> און דער װאָרים, װאָס קריכט אין ערד,
> און דער שקלאַף, װאָס האָט אַלײן זיך געבונדן.“

(װען איך װאָלט...)

דרײסיק

פול מיט טראגישקייט קלינגט זיין קליין פיר־שורהדיק ליד „הארץ־מאטיוו":

„מיין הארץ איז א בית־עולם:
שורות מצבות אויסגעשטעלט,
אין יעדן קבר ליגט אַ חלום,
אין יעדן חלום — געלעבט אַ וועלט."

זיין ליד „עלען מעי" איז אַ מערקווירדיקע וויזיע וועגן דער געפאלע־נער ארבעטער־מארטירערן. דאָס בילד ווערט דירעקט אָנגעגעבן ווי אזוי פון עלען מעיס קבר האלבע נאכט צינדט זיך אַ פאקעל אין דער פינצטערניש און

„געפאלענע קאמעראדן, פאָרויס עלען מעי,
מארשירן צום טאקט, איינס־צוויי, איינס־צוויי".

דער גאנצער צונויפשטעל פון ליד, זיין געהאקטער ריטם, לאקאָניש־קייט און זיינע הער־און־זע בילדער, שאפט אַ גוט און רייף ליד, וואָס לאָזט איבער א רושם. אזא ליד פאסט זיך פאר אַ פראָפעסיאָנעלן דיכטער.

פיל־באדייטנדיק איז זיין ליד, „ווינטער אין די בערג", וואָס ער האָט שוין געשריבן אין שאָטן פון זיינע פאטאלע טויט־אנונגען. דאָס ליד טראָגט מיט זיך אַ טיפן סימבאָלישן הויך:

„וואלד און בוים האָבן זיך אין ווייסן באצירט,
פריש געווייסט איז אויך דעם פויגלס נעסט.
דער גאנצער ארום איז ווי צו אַ חופה געפירט,
די זון שיינט פריילעך און איך צווישן די געסט."

מענדל איז געווען דער דיכטער, וואָס האָט קיינמאָל ניט גע־פונען קיין תיקון פאר זיין וואָרט; דער קינסטלערישער בליט, וואָס

איין און דרייסיק

האָט קיינמאָל ניט געוואוסט דעם שאַפערישן סוד פון וואַקסן און פון רייפקייט; דער אָנגעלאָדענער טרוימער, וואָס האָט זיין שטיצפונקט קיינמאָל ניט געפונען. צווישן רצון און יכולת זיינען געלעגן אַלע זיינע סתירות און אים ניט געגעבן קיין רו. צווישן דער האַרטער ווירקלעכקייט און זיינע קיינמאָל־ניט־פאַרווירקלעכטע טרוימען זיינען געלעגן אַלע זיינע מאַטער־וועגן. דאָרטן אָבער זיינען אויך געלעגן זיינע הויכע און שיינע מעשים, די טיפע מענטשן־ליבשאַפט און דער „מענטש“. און אַ מענטש, אַ שיינער מענטש איז אָטאָ־די אומגליקלעך צעשפּליטערטע קינסטלערישע נאַטור ווירקלעך געוועז.

צוויי און דרייסיק

לידער *)

עלען מעי

(מיין חבר ראָזענפעלדן)

פון איר קבר יעדע נאָך האַלבע נאַכט,
צינד זיך א פאַקעל, אין פינצטערניש באַליכט;
געפאַלענע קאַמעראַדן, פאָרויס עלען מעי,
מאַרשירן צום טאַקט, איינס־צוויי, איינס־צוויי.

שעפּטשען ווי א תפילה, א קללה מיט די ליפּן, —
טראָגן גיפט, ערגער פון שלאַנגען שיפּן.
רייען געשלאָסן, א שטאָלענע ארמיי
מאַרשירן צום טאַקט, איינס־צוויי, איינס־צוויי.

פאָכן פענער, געפאַרבט אין בלוט רויט,
שפּייען, בליצן, בראַנד, פאַרוויסטונג און טויט,
קראַכן דונערן, פאָרן לעצטן וועלט־געשריי
מאַרשירן צום זיג, איינס־צוויי, איינס־צוויי.

פליען רייטער אויף פלינקע פערד,
גאַלאָפּ, די קעפּ געבויגן, אין האַנט א שווערד,
שניידן רעכטס, לינקס, הוזשען, פייפען הוריי,
פאַר דער געפאַלענער אומבאַזיגבארער ארמיי.

---

*) מיר דרוקן דאָ איבער א טייל פון מענדל נידערבערגס לידער.

נ י ו - י אָ ר ק

ביסט ווי א געטין פון א צויבער־נאכט,
א גיגאנט, פון גראניט און שטאָל געמאכט.
דיין קערפער, ווי א גיבור נאָך א שלאכטגעפעכט,
אויגן קרישטאָל, מיראזשן פון ווינטער־נעכט.

דיין שטימע — דונער, ציטער, געבאָט;
דיין גאַנג — שפּרייזן פון א יונגן גאָט.
טורעמס ביז די הימלען אויפגעטורעמט זיינען דיינע בריסטן,
דיינע ליפּן, רויטע פייער־גלוסטן.

דיינע וויזיעס — אוצרות פון גאָלד געוועבט,
ביסט דער שטארקסטער ריז וואָס האָט ווען געלעבט.
נאָר איין זאַך האָט גאָט פארפעלט,
און דיר קיין הארץ ניט אריינגעשטעלט.

אין דיינע אָדערן רינט קיין בלוטן־רויט,
ליבע, גליק איז דיר אינגאנצן טויט.
ביסט ווי אַן אַלטע זונה אינגאנצן אַטראָפּירט,
ים־רויבער, האָבן דיך פארגוואלדיקט און פארפירט.

יעדער פארברעכער איז דיין העלד,
ליבע פארקויפסטו ביים מעסטל פאר געלט,
טייוואָלים היטן דיין פארמעגן,
פארשלינגען אַלצדינג פאַר זייערטוועגן.

איך שטיי אָפּט און טראַכט:
וואָס פאר א נארישער גאָט האָט דיך געמאַכט?...

זעקס און דרייסיק

סאָפי גוטסטײן

(ערע איר אָנדענק)

װען די שװאַרצע טויט־פֿליגל,
געצירקלט האָבן דײַן בעט.
האָט נאָך אַ ליבער שמײכל,
דײַן געטלעך פּנים געגלעט.

ניט דו, ניט מיר האָבן געדענקט,
פֿאַרלירן דיך אַזוי פֿרי.
װער האָט ס'האַרץ אויסצוהאַקן אַ בוים,
אין זײַן יונגן לעבנסבלי.

װי האָסטו גאָט דאָס האַרץ,
און אַזאַ יוגנט אומגעבראַכט.
ביסטו אַזאַ שלעכטער?
אָדער האָסטו אַ טעות געמאַכט?

האַרץ מאָטיװ

מײַן האַרץ איז אַ בית־עולם:
שורות מצבות אויסגעשטעלט.
אין יעדן קבר ליגט אַ חלום,
אין יעדן חלום — געלעבט אַ װעלט.

אין דער חורבה

אין דער חורבה,
נאָך האַלבע נאַכט,
קומט זי מיט אַ כשוף־וואונק;
צעבלאָזט אַ האַלעוועשקע,
צינדט צונגען פלאַמען
פון לעצטן פייער־פונק.

נאַקעט, פאַרפירעריש,
זי בלענדט און לאַקט
אַלע נאַכט — ווערט נישט מיד.
פאַרשווינדט, ווי אַ חלום,
ווען הענער זינגען
זייער מאָרגן־ליד.

ווינטער אין די בערג

אַ מתנה מיין פריינט נ. ב. מינקאָוו

מיינע קינדער־חלומות אויף ביימער־רינגען
האָב איך פלוצים אין דער פרי דערזען,
פון ווייטע עכאָס האָבן גלעקלעך געקלונגען
בשורות, ווי ס'וואָלט אַ גרויסער נס געשען.

וואַלד און בוים האָבן זיך אין ווייסן באַצירט,
פריש געווייסט איז אויך דעם פויגלס נעסט.
דער גאַנצער אַרום איז ווי צו דער חופה געפירט,
די זון שיינט פריילעך און איך צווישן די געסט.

מוטער רוסלאַנד

א מתנה מיינע לינקע חברים

איך בין אַ וואַגאַבונד אויף נאַכטיקע וועגן,
זינט, מוטער רוסלאַנד, איך האָב פאַרלאָזט דיין ערד,
אַ וואַנגלער — ניטאָ דעם קאָפּ וואו צו לייגן,
אַ פויגל, וואָס זיין נעסט איז צושטערט.

וואָלט איך קענען, וואָלט איך דעם ווינט געשפּאַנט,
און וואָלט מיין האַרץ אַרויסגעריסן,
און צו דיינע סטעפּעס, וואָס שפּרייטן זיך פאַנאַנד,
מיטגעשיקט דיר מיינע וואונטשן און גרוסן.

כ׳וואָלט אויף דיין ערד געקניט מיט הייליקער גלוסט,
דיך פעט געמאַכט מיט מיין בלוט און קראַפט.
ווי אַ קינד פון זיין מוטערס ברוסט,
ווי פון אַ געליבטערס ליפּן געטרונקען דיין זאַפט.

אָבער אַ שטורעם אין מיטן וועג
מיינע ווינט-זעגלען צעבראָכן,
צעשטערט דעם חלום צו קומען צו דיין ברעג.
בין הילפלאָז, ווי אין אַ ווירבל פאַרקראָכן.

בין אַ רייטער, וואָס געפאַלן איז זיין פערד
ניט פון מידקייט, נאָר פון אַ גרויזאַמער האַנט,
קאָן איך נאָר בענטשן די, וואָס באַגליקן דיין ערד.
גליק און פרידן צו דיר, האַמער און סערפּלאַנד.

ניין און דרייסיק

ווען איך וואָלט . . .

ווען איך וואָלט אַ דיכטער געווען,
געזוכט וואָלט איך זיך אַליין באַגרייפן,
וואָלט געזונגען פון זיך אַליין
און וואָלט די שענסטע לידער געשאַפן.

איך בין שאָטן און בין ליכט,
איך בין אַלץ און בין גאָר,
בין דאָס וואָס דער דיכטער זוכט,
סיי אין חלום, סיי אין וואָר.

בין אָדלער וואָס אין הימל גרייכט,
אַ נביא וואָס קאָן מאַסן צינדן,
און דער וואָרים וואָס קריכט אין ערד,
און דער שקלאַף וואָס האָט אַליין זיך געבונדן.

נואף און אַסקעט אין איין געפלעכט,
סאַדיסט און הייליקער אין איין געקנאָט,
און אַלע פירן אין מיר אַ געפעכט,
כ'בין טייוול, מענטש און איך בין גאָט.

בערציק

TESSIE SHENKER'S LIBRARY

יהושע גרינבערג

מעשה מענדל*)

האָט געלעבט אַ מענטש מענדל נידערבערג. האָט ער געלעבט אַן איינגן לעבן, אַ געזעלשאַפטלעכן לעבן, איז דער טויט געקומען און האָט דאָס לעבן אָפּגעשניטן פאַר דער צייט!

איז מענדל ניט דער איינציקער, דאָך האָבן קיין סך מענדלס ניט זוכה געווען איבערצולאָזן אַזאַ קרייז חברים און פריינט, וואָס זאָלן נאָכן טויט ווידמענען אים אַ בוך, וואָס דאָס איז באמת דער שענסטער דענקמאָל פאַר אַזאַ בוך־מענטש ווי מענדל איז געווען.

זיכער פאַרדינט „די וואָלאַדימיר וואָלינסקער פּראָגרעסיווע יוגנט“ אַנערקענונג פאַר פאַראייביקן מענדלס נאָמען, אָבער דאָ איז געלעגן מענדלס כוח, צו פאַרבינדן זיך מיט טויזנטער האַרץ־פעדים צו זיינע חברים, וואָס דער טויט אַפילו האָט די פעדים ניט געקענט צערייסן.

מענדל איז ניט געווען אָרגאַניש צונויפגעוואָקסן צו דער „וואָלאַ־דימיר וואָלינסקער פּראָגרעסיווע יוגנט“. מענדל איז געווען צוגע־

---

*) פאַר דער עקזעקוטיווע פון וואָלאַדימיר וואָלינסקער ברענטש 198 פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן, וועמענס סענטימענט, איך גלויב, איך דריק דאָ אויס.

איין און פערציק

וואַקסן צו זיינע יוגנט־חברים און שפּעטערדיקע חברים. דער פּאָלי־טישער ווי דער אידעאָלאָגישער פּאַנאַדערגאַנג פון אַ גרופּע חברים פון דער „וול. וואָל. יוגנט", האָט אין זיין האַרצן איבערגעלאָזט אַ בלוט־וואונד, אָבער ניט געקענט זיין האַרץ פאַרגיפטן.

מיך האָט דער מענטש מענדל פאַרינטערעסירט. אָנגעפאַנגען האָט זיך דערמיט, וואָס מענדלס נאָמען איז זייער אָפט דערמאָנט געוואָרן מיט אַ פאַרערונג מצד זיינע געוועזענע חברים פון דער „וולאַדימיר וואָלינסקער פּראָגרעסיווע יוגנט", וואָס האָבן געגרינדעט דעם אָרדן ברענטש 198. מענטשן, וואָס צעגייען זיך אידעאָלאָגיש פון אַ אָרגאַניזאַציע, נעמען מיט זיך מיט דאָס רוב אַ פאָרורטייל. און דאָ אַזאַ פאַרערונג צו אַ געוועזענעם, אָרגאַניזאַציע־חבר! עפּעס אַ כוח מוז אין אַזאַ מענטשן ליגן! און דער כוח איז געלעגן אין זיין האַרץ!

דערציילט אַ מיטגליד פון אָרדן ברענטש 198, צו וועלכן איך האָב דעם כבוד צו באַלאַנגען, אַזאַ מעשׂה: — ווען די גרופּע פון דער „וול. וואָל. יוגנט" איז אַוועק און האָט געגרינדעט אַ ברענטש פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן, האָט דאָס אויף מענדלען, ווי אויף די איבעריקע מיטגלידער פון דער „וול. וואָל. יוגנט", איבערגעלאָזן אַ פּיינלעכן איינדרוק. די צייט איז איר וועג געגאַנגען, דער אידעאָלאָגישער ברוך צווישן אים און זיינע יוגנט־חברים אין אָרדן־ברענטש איז געוועזן צעבראָכן, אָבער מענדלען האָבן קיין צעבראָכענע בריקן ניט געקענט אָפּהאַלטן. צעשיידט פון זיינע חברים, האָט ער גענומען בויען „קולטורעלע בריקן", צווישן דער „וול. וואָל. יוגנט" און דעם אָרדן ברענטש.

און מיר איז אויסגעקומען צו זען אַן אויפגעבויטן קולטורעלן בריק. צווישן די צוויי אָרגאַניזאַציעס, וואו מענדלס השפּעה האָט דאָרט שטאַרק געווירקט.

מיט אַ יאָר צוריק: אַ דעבאַטע צווישן די צוויי לאַנדסמאַנשאַפט־

אונדז לאנג ווארטן, נישט חלילה, ווייל ער האט פארגעסן אן אונדז, נאר דווקא ווייל ער האט אונדז שטארק געליבט איז אים שווער געווען צו שרייבן. אז ס׳פלעגט שוין אנקומען א בריוו, איז ער געווען הארצרייסנדיק און פול מיט בענקעניש.

נאך דער וועלט־מלחמה, ווען מ׳האט שוין געקענט פארן, זיינען מיר אלע געקומען קיין אמעריקע. איך וועל קיינמאל נישט פארגעסן ווען מיין פאטער איז אונדז געקומען אפנעמען פון עליס איילאנד. ער האט אונדז אלע געקושט און געהאלדזט, באזונדערס מיך, ווייל ער האט געפילט אז איך האב אים מער ווי אלע געליבט.

די יארן אין אמעריקע. מיין פאטער איז אלעמאל פארנומען, אלעמאל קומט אן אנדערער: „מענדל, וואס טוט מען, איך מאך נישט קיין לעבן?“ און מיין פאטער האט איין עובדא: זען אז מענטשן זאלן מאכן א לעבן. נישט אלעמאל איז אים געלונגען יענעם צו פירן אויפן גלייכן וועג, אבער דער ווילן איז אלעמאל געווען א גוטער. א חוץ זיין הויזגעזינד זיינען נאך א סך יתומים פארבליבן נאך מיין פאטער. איך ווייס פון א סך מענטשן, וואס מיטן טויט פון מיין פאטער האבן זיי פארלארן דעם באדן פון אונטער די פיס. קיינמאל וועל איך אים נישט פארגעסן.

דר. כאַסיע קופּערמאַן

דער פאָלקסטימלעכער מענדל נידערבערג

מיינע עלטערן זיינען געווען פּשוטע פאָלקס־מענטשן. דאָס פאַרוואָגלטע לעבן דאָ אין אַמעריקע האָט זיי געצוואונגען צו לעבן מיט דעם פאַרגאַנגענעם, צו זוכן שכר אין דעם עבר. דערפאַר פלעגן זיי אָפט דערציילן די קינדער וועגן דעם לעבן אין קליינעם שטעטל, וועגן דעם האַנדל און דעם וואַנדל, און וועגן די חסידישע הויפן. זיי פלעגן אָפט באַשרייבן די אַלערלייאיקע טיפּן, וואָס ס'האָבן זיך גע־פונען אין קליינעם שטעטל. אַ מין ראָמאַנטיק האָבן זיי אַרומגע־וועבט אַרום דעם אַלעם, כאָטש געוואוסט האָבן זיי גענוי וועגן די מיאוסע שטריכן און די פאַרפלאָגטע טעג און נעכט אין יענעם לעבן. נאָר געבענקט האָט מען סיי־ווי.

פאַר אונדז קינדער, געבוירן אין „גאָלדענעם לאַנד", איז דאָס געווען אַ גרויס געווינס. מיר האָבן באַקומען אַ גאַנץ גענוי בילד וועגן דעם אידן אין קליינעם שטעטל. טראָץ די פאַרראָמאַנטיזירטע שילדערונגען האָבן מיר זיך דערוואוסט וועגן אַ סך זייטן און פאַרשטאַ־נען די סיבות פאַר די דאָזיקע זייטן. מחמת דעם אַלעם האָט אונדז שטענדיק געצויגן צום פאָלק און צום פאָלקסמענטש. די אינטימסטע מאָמענטן זיינען געווען פאַרבונדן מיט פאָלקסטימלעכקייט.

מענדל נידערבערג, מיט זיינע אָנצאָליקע מעשיות און דערינע־רונגען, איז מיר שטענדיק געווען אָנרעגנדיק. אַ פאָלקסמענטש, פול

מיט פשטות, אַ פאַרוואָגלטער, אַ טרוימענדיקער, און מער ווי אַלץ אַ פאַרלאָרענער, איז ער מיר אַלעמאָל געשטאַנען פאַר די אויגן מיט זיין פאָלקסטימלעכקייט. יעדע מינע זיינע האָט מיך דערמאָנט אָן עפּעס. אין די לאַנגע נעכט, ווען ער פלעגט פאַרברענגען בא אונדז אין שטוב, האָב איך פיל גענאָסן. איך פלעג אים שטעלן פראַגעס און ער פלעגט ענטפערן. איבערהויפּט איז מיר געווען צוציענדיק דאָס וואָס זיינע באַשרייבונגען און דערינערונגען האָבן געשטימט מיט די בילדער וואָס האָבן זיך געשאַפן פאַר מיר אין די קינדער־יאָרן, פלעג איך הונגעריק שלינגען זיינע מעשיות און געשעפּט פון זיין רייכער פאַנטאַזיע. דאָס קענען ווידער זיך דערמאָנען די טעג און די נעכט ווען כ׳האָב אַלס קינד געלערנט צו קענען די שטימונגען און די שטרעבונגען פון דעם פּשוטן פאָלקסמענטש, דאָס קענען ווידער אויפבויען די פאָלקסטימלעכע סביבה פון מיין קינדהייט, איז פאַר מיר געווען אַ טיפע פרייד. דער פאָלקסמענטש אין מענדל נידערבערגן האָט אָנגערירט אין מיר זייער אַ סענטימענטאַלע סטרונע.

ער איז געווען פאַר מיר אַ קוואַל צו דערשעפּן און דערלערנען טיפע אמתן וועגן אַ לעבן וואָס איז מיר געווען פרעמד און נאָענט, ווייט און אינטים. זיין אַרט רעדן, דאָס בייטן די שטימע, דאָס אונטערזינגען דערביי, דאָס פאַרנייגן דעם קאָפּ און מאַכן מיט די פּלייצעס, דערביי טייטלען מיט אַ פינגער, — דאָס איז מיר געווען זייער נאָענט. דאָס פּלוצימדיקע שווייגן און פאַרקוקן זיך, דאָס אויפהייבן אַ ברעם און בלייבן פאַרקלערט, — איז מיר געווען גוט באַקאַנט. דער אופן פון איבערהאַקן זיך אין די אייגענע רייד, פון אונטערברומען, פון פאַרגלאָצן די אויגן בעת מען שילדערט אָן איבערלעבונג, — דאָס איז מיר געווען גאָר היימיש.

איבערהויפּט פלעג איך הנאה האָבן ווען מיר פלעגן זיצן צוזאַמען און פאַרגלייכן אַלערליי אויסדרוקן און פאָלקסווערטלעך, אַפילו אַנעקדאָטן און וויצן, וואָס נאָר אוקראַאינישע אידן באַנוצן. אַזעלכע, וואָס אין דער ליטעראַטור געפינט מען גאָר זעלטן; וואָס ביים רעדן

(אין דער ליטעראַרישער וועלט) הערט מען גאָר ווייניק. זיי זיינען מיר געווען זייער, זייער טייער, ווייל זיי האָבן מיך פֿאַרבונדן מיט טאַטע־מאַמע. האָב איך פֿאַרבראַכט פֿיל אינטערעסאַנטע שעהן מיט מענדלען, ווען כ'האָב ניט נאָר פֿאַרגעניגן געהאַט, נאָר אַ סך געלערנט. ס'איז מערקווירדיק, סאַראַ קוואַל פֿון דערינערונגען און פֿון סענטימענטן מענדל נידערבערג איז באַזעסן.

דערדאָזיקער פּשוטער מענטש איז פֿאַר מיר געווען דאָך ווייט פֿון איינפֿאַך, ווייט ניט פּשוט, שטענדיק אינטערעסאַנט. מען האָט קיינמאָל ניט געקאָנט פֿאָרויסזען וואָס וועט אים אָנרירן, ווי אַזוי ער'ט זיך אָפּרופֿן, אין וואָס די אָדער יענע זאַך וועט אים דערינערן איבערהויפּט פֿלעגט מיר אינטריגירן זיינע קעגנזייטיקייטן, — די אַלע ווידערשפּרוכן וואָס זיין אַרט פֿאָלקסלעבן האָט געמוזט אַרויסברענגען: ניט דערלייזטע טרוימען, ניט פֿאַרענטפֿערטע האָפֿנונגען, ליידן, גאַרן, בענקען און קיינמאָל ניט דערגיין, קיינמאָל ניט דערלייזט ווערן.

קלמן קאַלינער

אינספּיראַציע

אַ וואָרט אַזאַ.

אין דער אַלגעמיינער שפּראַך זיינען דאָ אַ סך ווערטער, וואָס דריקן אויס בלויז באַגריפן, און נישט נעמען פון זאַכן, וואָס די מענטשלעכע חושים קענען באַנעמען. ווען מיר רעדן אַרום אַזעלכע ווערטער ווייסן מיר, אַז זיי דריקן אויס זאַכלאָזיקייט. מיר קענען זיך ניט פאַרשטעלן אַפילו אין געדאַנק די פולקאָמקייט פון דעם וואָרט־באַדייט.

דאָס העכסטע וואָרט פון דעם מין איז דאָס וואָרט „גאָט“. „גאָט“ איז אינגאַנצן זאַכלאָז.

דערנאָך קומען די ווערטער וואָס פאַרמירן זיך אַרום דעם דאָזיקן העכסטן וואָרט, — ווי יושר, רחמנות, ליבע, גלויבן, ענוות רשעות, און נאָך און נאָך. צווישן די ווערטער איז אויך פאַראַן אַ וואָרט „אינספּיראַציע“.

די אַלטע גריכן, אויך אַנדערע פעלקער אין אַלטערטום און אויך טייל קינסטלער ביי היינטיקן טאָג, האָבן זיך געוואָלט באַפרייִקן צו פאַרשטיין די באַגריפן פון די ווערטער. האָבן זיי אין זייער קונסט געשאַפן געטער פון שטיין אָדער געקנאָטן פון ליים. אָבער פאַר מאָדעלן פאַר די געטער האָבן זיי געמוזט אַנקומען צום פּראָסטן

מענטש־גוף, ער זאָל פאַזירן, און כדי צו מאַכן דאָס בילד רעאַל האָבן זיי געמוזט געפינען יענעם גוף, וואָס איז געווען אין דער מדרגה צו פאַזירן פאַר וועלכן עס איז גאָט־באַגריף.

ווען מיר זאָלן אויפוועקן צום ווירקלעכן לעבן די סטאַטועס פון די גריכישע און רוימישע געטער, ווי ווענוס, אַפּאָלאָ, נעפּטון, מאַרס, און אַנדערע, וואָלטן מיר פון זיי גאָרנישט נשתומם געוואָרן. מיר וואָלטן פאַר זיך געזען מענטשן פון טאָגטעגלעכן לעבן. ווענוס וואָלטן מיר אפשר געוואָלט האָבן פאַר אַ חברטע, און מאַרס וואָלט העכסטנס געווען אַ פּרייז־פייטער . . . און דאָך וואָלטן מיר, אי אין ווענוסן אי אין מאַרסן, געפונען דעם באַגריף צו זייער געטלע־כער פאָזיציע.

און אַזוי איז געווען מיט אינספּיראַציע:

בלויז אַ מענטש, אַ בשר ודם, מיט קליינע השגות פאַר זיך אַליין, — און אַלע אַנדערע אַרום זיך וויל ער דערהויבן, אי אין גייסט אי פינאַנציעל. פאַר זיך קלערט ער ווייניק. פאַר אַלע אַנ־דערע אַרום זיך האָט ער גאַנצע פּלענער אויסגעשטעלט. פון זיין פּריסטער יוגנט האָט ער געשטרעבט צו אויפקלערונג, נאָר צו לערנען אַנדערע. און אויב דער תלמיד האָט געדאַרפט אַ גרעסערן רבין, ווי ער אַליין איז געווען, האָט ער שוין געפונען אַ גרעסערן למדן פון זיך אַליין פאַרן תלמידס וועגן, און האָט אים אינספּירירט צום לערנען.

אין דעם קליינעם אָרימען שטעטל זענען אַלע חדר־אינגלעך זיינע חברים געווען. ער האָט זיי באַאיינפלוסט צו ווערן „זיינע", און ער האָט זיי אַלעמען אַזוי גערופען: — מיין יאַנקל, מיין חיים, — אַלע זיינע.

און אַמאָל האָט ער אַלעמען אויף אַ שפּאַציר אַרויסגענומען, ווייט־ווייט, אַוועק הינטערן שטאָט, און געוויזן זיינע אינגלעך גאָטס

פּופּציק

אָרגאַניזאַציעס ווערט אַראַנזשירט. די דעבאַטע איז געווען: „צי איז פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור באַרעכטיקט צי ניט". דער פּאָרזיצער פון אָוונט איז געווען חבר מענדל נידערבערג.

האָט מענדל געמאַכט אַ קורצע דערקלערונג: — „צי איז פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור באַרעכטיקט? ווען מ'פרעגט מיך, זאָג איך, יאָ! אָבער אַזוי פירט מען זיך שוין אין דעבאַטעס, אויב איין צד זאָגט יאָ, דאַרף דער צווייטער צד זאָגן ניין. און נאַטירלעך דאַרף דער אָרדן־ברענטש זיין דער יאָ־זאָגער."

צי וואָס די דעבאַטע? אַ קולטורעלער בריק, וואָס זאָל די צעשיידטע חברים צוזאַמענברענגען.

די מענדלס זיינען די אינזשינערן, וואָס בויען די בריקן, וואָס פאַרייניקן אָרגאַניזאַציעס אין אַ פאַרייניקטן פראָנט. אין רואיקע צייטן — צו טאָן קולטורעלע אַרבעט, אין קריטישע צייטן בויען זיי אַ פאַרייניקטן פראָנט קעגן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם וואָס דאַרף אָפּשלאָגן די געפאַר פון שוואַרצער רעאַקציע און פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון פאָלק און קלאַס.

אין נאָמען פון דעם וולאַדימיר וואָלינסקער אָרדן בר. 198 — אַ קראַנץ בלומען פאַר חבר מענדל נידערבערג.

פײגע לײפּער

מײַן פֿאָטער מענדל נידערבערג

(זכרונות)

איך האָב אַן געדענקען מײַן פֿאָטער װען איך בין געװען אַ קלײן מײדעלע. איך בין געשטאַנען בײַ אַ שטול און זיך געשפּילט. פּלוצלונג איז געװאָרן אַ גערודער. מײַן פֿאָטער הײבט מיך אױף און קושט מיך. ער איז נאָר־װאָס פֿון ערגעץ געקומען צופֿאָרן.

װײַטער געדענק איך פֿלעגן שטענדיק זײַן בײַ אונדז אין הױז הוליאַנקעס, מ׳האָט תּמיד געזונגען לידער. איך געדענק נישט אַז מײַן טאַטע זאָל אַמאָל האָבן אַהײמגעקומען אַלײן, נאָר תּמיד מיט עמיצן. דאָס הױז איז שטענדיק געװען פֿול מיט מענטשן, און מ׳האָט גערעדט און גערעדט. מײַן מוטער פֿלעגט זיך קרימען און אַלץ טענהן, אַז ער װעט זיך נאָך אַרײַנדרײען... איך האָב נישט פֿאַרשטאַנען װאָס זי מײנט, אָבער איך פֿלעג זיך זײער שרעקן, אַז עפּעס זאָל נישט געשען מיט מײַן פֿאָטער. אַביסל שפּעטער געדענק איך האָט מײַן פֿאָטער פּלוצלונג אָנגעהױבן אַרומגײן אומעטיק. אײנמאָל זאָגט ער צו מיר: „דו װײסט, פּײגעלע, איך פֿאָר אַװעק. זײַ אַ גוט מײדעלע“. און ער הײבט מיך אָן קושן און לױפֿט אַרױס פֿונם הױז. איך האָב אים נאָכגעקוקט דורכן פֿענצטער ביז ער איז פֿאַרשװאונדן.

די עטלעכע גליקלעכע קינדערשע יאָרן זײַנען אַװעק און ס׳האָבן זיך אָנגעהױבן יאָרן פֿון בענקעניש און װאַרטן אױפֿן בריװ־טרעגער, אפֿשר װעט ער ברענגען אַ בריװ פֿונם טאַטן. און מײַן טאַטע לאָזט

וועלט: שיינע טייכן, גרינע לאָנקעס, בליענדעביימער און דער־פרישנדיקע לופט. און דעמאָלס האָט ער גערעדט:

„גאָטס וועלט איז גרויס, גאָטס וועלט איז שיין, ס'איז אַלץ פאַר אייך", מען דאַרף לערנען, אָבער פון דער וועלט דאַרפט איר אויך געניסן"!

זענען זיינע אינגלעך עלטער געוואָרן, שווערע צייטן זענען אָנגע־קומען, פּאָגראָמען אויף אידן, די רעוואָלוציע קעגן רוסישן צאַריזם...

דעמאָלס האָט ער אינספּירירט זיינע חברים אָנטייל צו נעמען אין דער באַוועגונג, האָט אָרגאַניזירט אַ זעלבסט־שוץ קעגן פּאָגראָ־מען אין שטעטל, האָט אָרגאַנאַזירט קלייזלעך צום לייענען און לער־נען פאַר די בעל־מלאכות פון שטעטל, און מיט דער רויטער פאָן אין האַנט געקעמפט צו באַפרייען רוסלאַנד פון צאַריזם.

זענען זיינע חברים נאָך עלטער געוואָרן, זענען „אידן געוואָרן", און אידן דאַרפן וואַנדערן, — זענען זיי אין דער גרויסער אַמעריקע געקומען, און אינספּיראַציע איז אויך געקומען.

אידן מוטשען זיך צו מאַכן אַ לעבן, ווערן פון זאָרג ביי זיך געפאַלן, און אינספּיראַציע קומט און ווערט צו „זיינע" אידן זייער אַגענט פון פּרנסה. אין טאָלידאָ, דעטרויט, האַרטפאָרט, פּיטס־בורג, אָלבאַני, ניו־יאָרק און אַנדערע שטעט, טרעפט ער זיינע אידן, זיינע אינגלעך. — און ער אינספּירירט זיי, האָט פּלענער פאַר אַלע־מען אויסגעשטעלטע, נעמט אויף זיך אַלעמענס זאָרג פון באַרגע־ניש און אָפּגעבן, און די יענע, וואָס האָבן אים געקענט האָבן פאַר־שטאַנען דעם באַגריף פון דעם וואָרט אינספּיראַציע!

דאָס איז געוועזן מענדל נידערבערג.

איין און פופציק

הירש-לייב מאלץ

מיין שוואגער מענדל

זייענדיק זייער נאענט צו מענדלען און דורכמאכנדיק מיט אים פארשידענע נסיעות, קיין ענגלאנד און שפעטער קיין אדעס, און קומענדיק מיט אים דא כמעט אין טאג-טעגלעכן באריר, האב איך געהאט א מעגלעכקייט צו לערנען זיין כאראקטער, זיין באציאונג צו מענטשן און פריינט.

צווישן א סך אנדערע מעלות האבן זיך ביי מענדלען בולט ארויסגעוויזן צוויי, ווי הויפט-כאראקטער-שטריכן: פקחות און פריינטשאפט. ער האט אלעמאל געקוקט אויף די האנדלונגען פון זיינע מיטמענטשן מיט די אויגן פון א חכם. ער האט פארשטאנען די מענטשלעכע שוואכקייטן, דערפאר האט מען זיך פאר מענדלען נישט געשעמט, דערפאר האט מען פאר מענדלען גארנישט פארבארגן. מ'האט זיך געקענט, אזוי צו זאגן, פאר אים אויסטאן גייסטיק נאקעט, און האט מען זיך צו אים איבערגעגעבן, האט מען קיין חרטה נישט געהאט. מיט א שמייכל אויף די ליפן, מיט א דערמוטיקדיקן ווארט האט ער יענעם גייסטיק דערהויבן און מ'האט צוריק דערפילט דעם באדן אונטער די פיס. און וואו ער האט געקענט, האט ער אויך געגעבן מאטעריעלע הילף. דאס געפיל פון פארבאהאלטן אויף שפעטער איז אים אינגאנצן פרעמד געווען. ער האט זיך מיטן לעצטן געטיילט מיט זיינע פריינט, דערפאר האט ער זיך דערווארבן אזויפיל חברים, דערפאר האט זיין פריי-צייטיקער טויט ארויסגערופן אזוי-

פיל טרויער צווישן אלע לאנדסלייט און פריינט. אין מענדלען האט קליין-לודמיר פארלוירן איר נשמה, איר גייסטיקע יניקה.

וואס שייך מיר פערזענלעך האט זיין טויט מיך אזוי דערשי־טערט, אז איך קען עד היום נישט קומען צו זיך. איך בין שוין א פאר מאל געווארן א יתום אין מיין לעבן: אין מיין פריער יוגנט נאך מיין פאטער און צוריק מיט עטלעכע יאר נאך מיין מוטער, אבער אזא געפיל, וואס איך האב געהאט, ווערנדיק א יתום נאך מענדלען, האב איך נאך קיינמאל נישט איבערגעלעבט. איך פיל מיך גייסטיג עלנד. נישטא מער מיין טייערער חבר, נישטא מער מיט וועמען זיך צו עצהן. פארגליווערט איז געווארן זיין ליבער שמייכל אויף זיינע טויטע ליפן. אייביק, אייביק וועט זיין אנדענק לעבן אין מיין הארץ.

צו כאראקטעריזירן מענדלס באציאונג צו מיר און מיין פרוי, וועל איך דא פארעפנטלעכן זיינע א מתנה צו מיר, אין דעם טאג פון מיין זילבערנער חתונה, צוריק מיט א פאר יאר:

„וואס קען איך אייך געבן צום היינטיקן טאג,
אויסער א וואונטש־ליד? דאס איז אלץ וואס איך פארמאג:
א ליד פון גליק,
א ליד פון פרייד,
א ליד פון זיג,
אין טיפער עלטער באגלייט,
ברכות נישט אויסצודריקן מיט רייד.
דאס בעסטע וואס איך פארמאג,
שיק איך אייך צום היינטיקן טאג.

לאנג, זייער לאנג וועל איך געדענקען, אז איך האב געהאט א ליבן, גוטן, קלוגן חבר מענדל.

דריי און פופציק

לואיס פעלדמאַן

צום אָנדענק פון מיין חבר מענדל

און אַזוי איז שוין פאַרשוואונדן אַ יאָר אין דער אייביקייט, וואָס מיין בעסטער פריינט מענדל, וועלכער איז מיר געווען איבער־געגעבן מיט ליב און נשמה, איז שוין מער נישטאָ צווישן די לע־בעדיקע. דאָס האַרץ קלאַפּט שטורמיש און די געדאַנקען זיינען קאַשמאַרישע ביי די דערינערונגען, אַז קיינמאָל וועל איך שוין ניט זען מיין חבר מענדלס ליכטיק פּנים. ער איז געווען אַ פריינט, אַ חבר, אַ בעל עצה צו יעדן מיטמענטשן בכלל און צו מיר בפרט. איך קען זיך גאָר ניט צוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז מענדל איז שוין ניטאָ. עס דאַכט זיך, אַז אָט — אָט עפנט זיך די טיר און מענדל אַ שיינענדיקער, מיט אַ ברייטן שמייכל, שאַרט זיך אַריין צו מיר אין וואוינונג און מיט אַ ברייטן שלום עליכם שטרעקט ער אויס זיין וואַרימע האַנט און דריקט מיר מיין האַנט, אַזוי שטאַרק, אַזוי האַרציק געטריי...

ער האָט פאַרמאָגט אַ צויבער־מאַכט צו מאַכן גלויבן, אַז מענטשן זיינען באַשאַפן געוואָרן, כדי צו העלפן און טרייסטן זייערע מיטמענטשן אין אַן עת צרה. זיין שלאָגוואָרט איז אַלעמאָל געווען: „מיר לעבן, כדי צו פאַרזיסן די טעג פון די דאָזיקע, וועלכע נויטיקן זיך אין אונדז". ער איז געשאַפן געוואָרן פון אַזאַ גייסטרייכן שטאָף, וואָס האָט געקענט צוזאַמענגיסן צעריסנקייט, צעפּאַלנקייט אין איין גאַנצן. ער איז געווען אַ רודף שלום, ניט געקאָנט פאַר־טראָגן, ווען איינער פלעגט רכילות ריידן אויפן צווייטן.

אויסער די פון נאַטור־באַגאַבטע אייגנשאַפטן פון יושר פריינטלעכקייט און מענטשן־ליבע, האָט מענדל אויך פאַרמאָגט אַ פּאָעטיש־ראָמאַנטישע נשמה: אים איז דערווידער געווען דאָס טומלדיקע לעבן פון דער מעטראָפּאָליע ניו־יאָרק און ס'האָט אים געצויגן צו דער שטילער נאַטור, צום פעלד און וואַלד, וואו דאָס לעבן שטראָמט נאָרמאַל, שטיל.

פּ״ר און פּופּציק

זייענדיק פול מיט פילאָזאָפישע געדאַנקען האָבן אים פיל פון זיינע פריינט און פאַרערער קלאָר נישט פאַרשטאַנען; אָט איז ער אַ סאָציאַליסט און אָט ווערט ער באַגייסטערט פון די גרויסע אויפ־טוּענגען פון סאָוועטן־לאַנד און ווערט קאָמוניסטיש געשטימט. גיך פלעגט ער איבערגיין פון איין עקסטרעם צום צווייטן און אַלץ מיט די ערלעכסטע כונות, ווייל פון דער נאַטור איז ער געווען אַ בונ־טאַר און האָט אַלץ געזוכט נייע וועגן, אויסברייטערן, אויסשענערן דעם אַרבעטערס לעבן.

שטענדיק איז ער געווען פאַרנומען מיטן כלל, קיינמאָל קיין צייט נישט געהאַט פאַר זיך. אָפט באַקלאָגט ער זיך, אַז דאָס לעבן איז אים זייער שווער — צופיל אויף זיין קאָפּ...

איינמאָל איז ער געקומען צו מיר מיט אַ פאָרשלאָג: איך זאָל זיך אַריבערקלייבן אין אַ וואַלד, וואו אַ קליינע גרופּע מענטשן וואוי־נט. דאָרטן, האָט ער באַטאָנט, איז דער אמתר „גן עדן“. ווען כ'האָב זיך אָפּגעזאָגט פון דעם צוליב פאַמיליע אנגעלעגנהייטן, איז ער אַליין אַוועקגעפאָרן, אָבער לאַנג האָט ער דאָרט ניט געקאָנט זיין: עס האָט אים געצויגן צו די נויטליידנדיקע מענטשן.

מענדל איז אויך געווען טעטיק אין פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, וואו מ'האָט געדאַרפט זיין הילף. ער פלעגט צונויפקלייבן געלט ביי די רייכערע חברים און צעטיילן עס צווישן די נויטליידנדיקע, אָבער זיין געזונט איז געמינערט געוואָרן פון טאָג צו טאָג.

גאַנצע נייין יאָר האָב איך געהאַט דאָס גליק צו קענען מענדלען. אין אונדזער אָרגאַניזאַציע איז ער געווען דער אַפּאָסטאָל פון אַלץ, וואָס איז נאָבל און ריין. ער האָט געשטרעבט זיין גאַנץ לעבן צו פאַרייניקן אַלע לאַנדסלייט אין איין אָרגאַניזאַציע, אָבער דער טויט האָט אים אַרויסגעריסן פון אונדזער פאַריין, און ער האָט ניט פאַר־ענדיקט זיין מיסיע.

שלאָף רואיק דיין אייביקן שלאָף, פריינט און חבר מענדל! זאָל דיין אָנדענק זיין אַ גוטער ביישפּיל פאַר די וועלכע ווילן גיין אין דיינע וועגן!!

פינף אין פופציק

חנה ראָזנפעלד

מענדל דער חבר

מענדלען האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו קענען, ווייל ער איז געווען ביי מיר אין הויז כמעט א בן־בית. מענדל איז געווען אַ פאַרשידנאַרטיקע פערזענלעכקייט. נישט געווען קיין זאַך אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס ער זאָל זיך מיט דעם נישט האָבן פאַראינטערעסירט. וואָס מיך אינטערעסירט צום מיינסטן, ווען איך טראַכט וועגן מענדלען, איז מענדל דער חבר. כאָטש מיר וועט אפשר אויסקומען איבערצוחזרן דאָס וואָס אַנדערע האָבן שוין געזאָגט, קען איך זיך אָבער נישט צוריקהאַלטן אַרויסצוזאָגן דאָס וואָס איך האָב געפילט וועגן אים: מענדל האָט קיין מאָל נישט געוואָלט ארויפצווינגען אויף זיינע פריינט זיינע איבערצייגונגען. ער האָט ביי קיינעם קיין פּאָליטישן פּאַספּאָרט נישט פאַרלאַנגט. וואָס אים האָט אינטערעסירט איז דער מענטש. ער האָט באמת צוליב דעם וואַלד ניט פאַרזען דיביימער. איך האָב נאָך אַזאַ מענטשן קיינמאָל נישט באַגעגנט, אַ מענטש פאַר וועמען מ׳האָט זיך געקענט אַראָפּריידן פונם הארצן, אַ מענטש, פאַר וועמען מ׳האָט זיך נישט געדאַרפט באַהאַלטן, ער האָט מיטגעפילט, האָט זיך מיטגעפרייט. ווען ער איז אַריינגעקומען צו מיר אין הויז האָב איך אַלעמאָל געהאַט דאָס געפיל ווי עפּעס אויסערגעוויינלעכס, עפּעס יום־טובדיקס איז מיט אים געקומען. ער איינער איז באַשטאַנען פאַר אַ גאַנצער געזעלשאַפט. עטלעכע וואָכן פאַר זיין טויט האָט ער מיך באַזוכט אין שפּיטאָל. איך בין דאַן געווען אַ פּאָר טעג נאָך אַן אָפּעראַציע. צוקוקן ליידן פון אַנדערע איז אים געווען שווער. ער האָט זיך אָפּגעקערט אין אַ זייט און זיך צעוויינט. שווער זיך צוצוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז מענדל איז מער נישטאָ מיט אונדז.

לאַנג, לאַנג וועט ער לעבן אין די הערצער פון זיינע פריינט.

פיניע סטיינבערג

מיין חבר מענדל

אונדזער טייערער מענדל וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווערן פון זיינע חברים. ווייל אַ חבר איז ער געווען ווי זעלטן ווער אין דער וועלט.

זיין איבערגעגעבנקייט און זאָרג פאַר יעדן איינעם, וואָס איז געקומען מיט אים אין באַריר, קאָן מען מיט ווערטער ניט אָפּשאַצן. אין דעם איז איינגטלעך געלעגן דער סוד, וואָס מענטשן האָבן זיך צו מענדלען באַצויגן מיט דעם גרעסטן צוטרוי און מיט גרויסער ליבשאַפט. די דאָזיקע באַציאונג צו אים האָט ער כשר פאַרדינט, אָט דער זעלטענער מענטש און זעלטענער חבר.

שוין אַ יאָר ווי ער איז טויט און די וואונד איז נאָך אַזוי פריש, גלייך ווי ערשט נעכטן איז דאָס געשען. ווייל פון אַלע זיינע חברים בין איך געווען דער איינציקער, וואָס האָב אים באַגלייט אויף כמעט אַלע זיינע וואָגלעניש. מ׳קען זאָגן, אַז איך האָב מיינע בעסטע יאָרן געלעבט צוזאַמען מיט אים. דערפאַר איז מיר אַזוי שווער זיך צוגעוואוינען צום געדאַנק אַז מענדל איז מער מיט אונדז נישטאָ. לאַנג וועט זיין אָנדענק לעבן ביי מיר אין זכרון.

מ. וואסער

מענדל — אַלעמעס הילף

איך דריק אוים מיין טיפסטן צער איבער דעם פריצייטיק-פאַר-שטאָרבענעם פריינט און חבר מענדל נידערבערג. זייענדיק מיט אים גאָר נאָענט און קומענדיק מיט אים אין טעגלעכן באַריר, האָב איך ערשט איינגעזען, וואָס מענדל איז געווען פאַר זיינע מיטמענטשן אין אַלגעמיין, און באַזונדערס פאַר זיינע פריינט און לאַנדסלייט. נישט געווען איינער ער זאָל נישט קומען צו אים מיט זיין פעקל צרות און ער האָט יעדן אויפגענומען ווי אַ פריינט. פאַר איינעם האָט ער געהאָט אַ טרייסטוואָרט, פאַר אַ צווייטן אַ גלייכוואָרטל, אַ דריטן אַ קלאַפּ אין פּלייצע, און וואו ער האָט נאָר געקאָנט, אויך ממשותדיקע הילף. יעדער האָט געפילט, אַז נאָך אַ באַגעגעניש מיט מענדלען איז אים לייכטער געוואָרן אויף דער נשמה. נישט אומ-זיסט האָט ער זיך דערוואָרבן אַזויפיל פריינט און חברים. אייביק וועט זיין אָנדענק לעבן אין די הערצער פון זיינע צאָלרייכע פריינט. ערע זיין אָנדענק.

אַכט און פופציק

הערי גוד

מענדל פעלט

מיין ערשטע באַגעגעניש מיט מענדלען איז פֿאָרגעקומען אין יאָר 1929, ביי מיינעם אַ פריינט אין הויז. ווען איך האָב פאַרבראַכט מיט מענדלען אַ שעה, האָט ער אינגאַנצן געוואונען מיין צוטרוי און איך האָב זיך אינגאַנצן צו אים איבערגעגעבן. אין אַלע פאַלן, ווען כ׳האָב באַדאַרפט עפעס אַן עצה, איז זיין וואָרט געווען פאַר מיר געזעץ. וואָס מער איך האָב אים דערקענט, אַלץ מער צוגעבונדן בין איך געוואָרן צו אים. איך האָב אין אים אַלעמאָל געהאַט אַן איבערגעגעבענעם פריינט און ער פעלט מיר זייער שטאַרק אויס.

פיל מאָל זיצנדיק ביי אים אין אָפיס פלעג איך באַוואונדערן זיין אינטערעס, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן צו יעדן איינעם. ער פלעגט יעדן טראָגן אויפן קאָפּ, האָט געוואוסט, וואָס יעדן פעלט. פון דער ערשטער באַגעגעניש מיט אים האָט מען גלייך דערפילט, אַז מ׳האָט צו טאָן מיט איינעם, וואָס האָט ליב דעם מין מענטש און עס איז גאָר קיין וואונדער נישט, וואָס מענטשן פלעגן זיך ציען צו אים ווי חסידים צו אַ רבין.

שווער זיך צוגעוואוינען צום געדאַנק, אַז מענדל איז מער נישטאָ צווישן אונדז. אָפטמאָל דאַכט זיך מיר אַט וועל איך צוגיין אין אָפיס, וועל איך אים זען.
חבל על דאבדין.

ניין און פופציק

מאיר פלעקמאַן

מענדל נידערבערג ע״ה

מענדלען פון דער אַלטער היים האָב איך ניט געקענט. איך האָב זיך ערשט באַקענט מיט אים אין אַמעריקע. איך האָב געוואוסט אַלע זיינע פאַרבאָרגענישן און ער מיינע. מענדלס האַרציקע איבערגעבנקייט איז געווען איבערנאַטירלעך. מענדלען דעם מענטשן, מענדלען דעם אידן, מענדלען דעם אינטעליגענט איז ניט צו באַשרייבן. עס איז ניט צו באַווייען מענדלען, וואָס ער איז אַוועק פון אונדז, נאָר ס'איז צו באַוויינען אונדז לעבעדיקע, וואָס מיר זענען געבליבן יתומים, מיט צעבראָכענע הערצער. אונדזערע פאַרלוסט איז גרויס, ווייל מענדל האָט ניט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ צווייטן. יאָ, דו בענקסט איצט ניט און טראַכסט ניט וועגן אונדז. מיר אָבער, דיינע פאַרערער, וועלן אונדזער לעבן־לאַנג בענקען נאָך דיר, ווייל דו ביסט געווען אַן איבערגעבענער חבר צו אַלעמען.

זעכציק

מיר דריקן אוים אונדזער טיפסטן צער און טרויער אויפן טויט פון אונדזער פריציייטיק פארשטארבענעם פריינט מענדל נידערבערג.
קיינמאל וועלן מיר אים נישט פארגעסן.

פאמיליעס איינשפאן און אקסעלראד

מיר דריקן אוים אונדזער טיפן טרויער נאך אונדזער פאר־שטארבענעם פריינט און חבר מענדל.
זיין אנדענק וועט שטענדיק לעבן אין אונדזער זכרון.

מאיר און שרה בוים

מיט געבויגענע קעפ אין טיפן טרויער שטייען מיר פארן פרישן קבר פון אונדזער פריינט מענדל נידערבערג.
ערע זיין אנדענק.

קאופמאן און קאופמאן

איין און זעכציק

חבל על דאבין

מיר, די מיטגלידער פון דער „וואָלאָדימיר־וואָלינסקער פּראָגרעסיווער יוגנט״, דריקן אויס אונדזער טיפן טרויער אויפן טויט פון אונדזער פּריציייטיק פאַרשטאָרבענעם פריינט און חבר מענדל נידערבערג. מיר וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן, וואָס מענדל איז געווען פאַר אונדזער אָרגאַניזאַציע בכלל און פאַר יעדן פון אונדז בפרט. אייביק וועט זיין גייסט לעבן אין אונדזערע הערצער.

צווי און זעכציק

אפּעלצווייג, מיני
איינשפּאַן, נייטן
איינשפּאַן, טעדי
אַדלער, איזי
אייזן, ר.
אסקאר, יעטע
ארענצעל, בעני
בוים, מאיר און שרה
בריק, אברהם
בריק, מנשה
באַרגמאַן, אלי
בלענק, מאַקס
בוירק, סעם
גוט, הערי
געלער, בעני
גראַס, איזי
דעמסקי, סעם
דייטש, מאיר
וואסער, דזשאו
וואַלאַך, דזשעני
וואדלער, דזשעק
זימבערג, פריידע
זימבערג, מאָרים
טעפּער, זעליג
טעפּער, מאָרים
לייפער, דזשאו און פייגע
לופטיק, הערי
לופטיק, טשאַרלס
מאַליץ, הירש-לייב און צביה
מארשאַק, מאָרים

סאָמערשיין, איזי
סטובען, מאַקס
סלעק, מאַקס און פרידאַ
סילווער, מ.
סטאַף, לואי
סטאַף, דייוויד
סטיינבערג, פּיניע און פרוי
סלעק, בעני
פעלדמאַן, לואים און מיני
פלעקמאַן, מאיר
ציטרין, מלכה
ציטרין, אוירווינג
קאלינער, קלמן
קויפמאַן, אַביש און שרה
קארגער, סעם
ראָזענפעלד, מאַקס און חנה
רויסטאַטשער, סעם און מיני
רויסטאַטשער, משה
ראטה, דזשעק
ראָזענטאַל, מאַקס
ראָזענצווייג, סעם
ראסטאף, טשאַרלס
שפּיגעל, סעם
שיינטאָפּ, דייוו און פּעפּי
שאַפּיראָ, מאָרים
שאַפּיראָ, נייטן
שער, איזי
שיינטאַפּ, בענציע
שאַפּיראָ, אוירווינג
שעק, סעם

דריי און זעכציק

אינהאַלט:

בילד פון מענדל נידערבערגן 3

דערקלערונג פון דער „וולאַד. וואָל. פּראָג. יוגנט" 5

מ. ראָזענפעלד, מענדל נידערבערג (ביאָגראַפישע נאָטיצן) 7

בילד פון די פאַרוואַלטער און לערער־פּערסאָנאַל פון דער אָרגאַניזאַציע „קולטוראַ" 11

מ. פּערלמוטער, איך האָב מענדלען ניט געקאָנט 18

נ. ב. מינקאָוו, מענדל נידערבערג 23

בילד פון מענדל נידערבערגן 33

מענדל נידערבערג, לידער 35

יהושע גרינבערג, מעשה מענדל 41

פייגע לייפער, מיין פאָטער מענדל נידערבערג 44

דר. כאַסיע קופּערמאַן, דער פאָלקסטימלעכער מענדל נידערבערג 46

קלמן קאָלינער, אינספּיראַציע 49

הירש־לייב מאַלץ, מיין שוואָגער מענדל 52

לואיס פעלדמאַן, צום אָנדענק פון מיין חבר מענדל 54

חנה ראָזענפעלד, מענדל דער חבר 56

פּיניע סטיינבערג, מיין חבר מענדל 57

מ. וואַסער, מענדל — אַלעמענס הילף 58

הערי גוד, מענדל פעלט 59

מאיר פלעקמאַן, מענדל נידערבערג ע"ה 60

פאַמיליע איינשפאַן און אַקסעלראָד, טרויער־רעזאָלוציע 61

מאיר און שרה באַום, טרויער־רעזאָלוציע 61

קאַופמאַן און קאַופמאַן, טרויער־רעזאָלוציע 61

טרויער אויסדרוק פון דער „וולאַד. וואָל. פּראָג. יוגנט" 62